START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION PROJECT

YIVO
LIBRARY
REEL
Y-2004-1882.6

Schor, Anschel.
Shir ha-shirim : a lebens operete in 4 akten.
Varsha,[1913].

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1882.6

Schor, Anschel.
Shir ha-shirim : a lebens operete in 4 akten / fun Anshel Shor. Varsha : Printed by H. Eppelberg, 673[1913]
59 p.

1. Yiddish drama.—lcsh
I. Poland-Warsaw

ID: NXYH02-B2431 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: 106215

Reduction ratio X 10.0

Hart

שיר השירים

א לעבענס אפערעטע אין 4 אקטען:

פון אנשל שור.

פערזאנען:

לעאן אפענהיים	בעריהמטער קאמפאזיטאר
אננא	זיינע פרוי.
דעווי	זייער זוהן.
אהרן	לעאנס פאטער.
משה	אהרנ׳ס ברודער.
לילי	דעווי׳ס געליעבטע.
ראזא	לילי׳ס פריינדין.
היימי קוועקזילבער	ראזא׳ס געליעבטע.

כאר.

ווארשא.
דרוקעריי ה. עפפעלבערג, בעדנארסקא 26.

Printed in Russia

ШИРЪ ГАШИРИМЪ

Оперета въ 4 дѣств.

сочиненіе А. ШОРА.

ВАРШАВА.
Типографія Г. Эппельберга, Бондарная 26.

ערשטער אַקט.

בײַ אַפּענהײַים אויף דער זומער וואָהנונג. געזאַנג אונטער די קוליסען.

ערשטע סצענע.

(אַהרן דערנאָך אַננאַ).

אַהרן. אַננאַ! חנה׳לע? (זי קומט) וואו איז ערגעץ מײַן ברודער׳ל, מײַן משה׳לע?

אַננאַ. איהר ווײַסט ניט אַז דער פּעטער זאָל לעבען האָט ליעב צו פּערברענגען מיט יונגוואַרג, ער מוז מ׳הסתם זײַן דאָרט אויבען.

אַהרן. געוואָרען אַ לויפער מײַן ברודער׳ל, איך האָב צרות מיט איהם חנה׳לע. מען מוז אויף איהם אַכטונג געבען. איך זעהסטו בין עפּעס אַנדערש. איך פיהל מיך נאָך גאָט זײַ דאַנק נעזונד אויף אַלע אברים... אוי הערסט חנה׳לע מיר דאַכט זיך אַז מען הויבט מיך שוין אָן צו זוכען מיט אַ ראָמאַנס.

אַננאַ. אײַך מיט אַ ראָמאַנס?

אַהרן. יעס, חנה׳לע. אַ ראָמאַנס אין דער זײַט. אַ ראָמאַנס אין די קריזעס. מ׳רופט חנה׳לע. מ׳רופט, און אַז מ׳רופט מוז מען געהן. אַז נישט שיקט מען אײַן עקזיקוטער. און מײַנסטו חנה׳לע. איך שרעק מיך אַזוי: אָסור, איך בין שוין פון 10 יאָהר פערטיג אין וועג אַרײַן, איך ריכט מיך מיט יעדען טאָג אין וועג אַרײַן אויף דער רײַזע. נור עס גלוסט זיך נאָך צו כאַפּען פריהער אַ טענצעל בײַם אײַניקעל אויף דער חתונה. אָבגעלעבט מיט מײַן שרה׳לע 56 יאָהר און געבליבען איז מיר נור 1 קינד פון איהר: לעאָן דײַן מאַן מיט דיך מײַנע טײַערע טאָכטער, אײַך מײַנע קינדער האָט אויך גאָט מעהר ניט געגעבען ווי דעם אײַנציגען בוי, אונזער דעווו זאָל לעבען, נור אײַן אײַניקעל, אַוודאי גלוסט זיך נאָך צו כאַפּען אַ טענצעל אויף זײַן חתונה! נישט בעשערט

געוועזען מײַן אַלטיטשקער! זי מוז געווים דאָרטען בענקען נאָך מיר.— יאָ יאָ שרה׳לע, איך קום באַלד, איך קום באַלד.

אַננאַ. גלויבט מיר שווער, איהר וועט נאָך טאַנצען בײַ דעװ׳ן אויף דער התונה, איך וועט זיך, איהר וועט נאָך געבען אַ האָפּקע בעסער פון אַלע יונגע לײַט.

אַהרן. מיר דאַכט זיך אַז ער האָט שוין טאַקי אַ כלה, טאַקי מײַן ברודער׳ס יתומה׳לע, לילי, אויסגעוואַקסען קיין עין הרע ווי אַ שען עפּעלע, נור אַ ברכה צו מאַכען.

אַננאַ. יעס, שווער, מיר דאַכט זיך אַז די קינדער האָבען זיך ליעב, און איך וועל אָסור זײַן דאַגעגען.

אַהרן. און עס איז אַ גאַנץ גלײַכע זאַך. ליליטשקע האָט שענע עטליכע טויזענדער אויף איהר נאָמען, שײַנט ווי דער מאָרגענשטערן, און אונזער בויטשיק, אַזאַ יאָהר אויף מיר. אַ שטומע אַז עס איז אַ מחיה צו הערען, ער וועט נאָך אַ מאָל זײַן אַ גרויסער זענגער. נור זי, לילי בעקלאָגט זיך עפּעס אויף לעאָנען. ערשט נעכטען האָט מיר לילי געזאָגט: אַז עס ווײַזט זיך איהר אוים אַז לעאָן קען זי ניט לײַדען. ווען זי קומט אַרײַן, זאָגט זי, אַנטלויפט ער פון איהר און וויל זי אַפילו נישט אָנקוקען.

אַננאַ. נאַריש קינד. גלויבט מיר שווער, איך מעג אײַך זאָגען דעם אמת, עס געהען אַוועק וואָכען וואָס ער קוקט אַפילו מיך אויך ניט אָן. איך שעהם מיך אײַך צו זאָגען, אָבער ס׳איז דאָך אמת. איך צו איהם ווער אַלע מאָל מעהר צוגעצויגען און ער צו מיר, ווערט מיט יעדען טאָג קעלטער! ער האָט נאָר איין פרײַנד, זײַן פיאַנע. איבערהויפּט זײַט ער שרײַבט זײַן שיר השירים, שײַדעט ער זיך גאָר נישט פון איהר, זעצט ער זיך שפּיעלען ווערט ער גאָר אַנ׳אַנדער מענש. די פינגער לויפען מיט אַ געוואַלדיגער שנעלקײַט איבער די קלאַוױשען, די אויגען ווערען איהם גרויס, די זילבער ווײַסע האָר צו וואַרפען זיך אין אַ ווילדער אונאָרדנונג, איבער זײַן גרויסען שענעם קאָפּף און דאָס גאַנצע צימער ווערט אָנגעפיהלט מיט זיסע הימלישע טענער.

אַהרן. סטאָפּ. סטאָפּ, אין הימעל אַרײַן וועל איך קענען קומען אָהן דיר, און וואו איז ער יעצט, דײַן גרויסער הימעל מענש?

אַננאַ. איהר ווײַסט ניט? ווידער געפאָהרען אין שטאָדט אַרײַן צום פּראָפעסאָר. אוי שווער, איך האָב שטאַרק מורא פאַר זײַנע אויגען, די לעצטע צײַט לײַדעט ער זעהר שטאַרק. איך ווײַס טאַקי נישט,

וואָס ער זוימט זיך אַזוי לאַנג עס ווערט באַלד נאַכט (עס הערט זיך אַ געלעכטער) זעהט נור שווער וואָס אײַער ברודער׳ל צואַרבײַט דאָרט אפשר צעהען מײַדלעך און ער אין דער מיט.

אַהרן. נו וואָס זאָגסטו צו איהם? אַ לויפער געוואָרען. משה׳לע משה׳לע! קום שוין אַרײַן דו לויפער.

משה: איך קום באַלד, איך וועל נאָר ענדיגען דאָס טענציל.

צווייטע סצענע.

פריהעריגע, משה.

אַננאַ. וואו האָט איהר ערגעץ שאַרלאַטאַנעוועט אַ גאַנצען טאָג?

משה. יו״ט, אַביסעל זיך געשפּיעלט מיט די מײַדלעך.

אַננאַ. איהר מוזט שוין זײַן גוט הונגעריג? וואָס וועט איהר עסען?

אַהרן. וואָס טויג איהם עסען דעם ווײַסען-חברה׳ניק, אַז איהם ליגט אין זינען די מײַדלעך.

משה. ווײַסטו וואָס חנה׳לע, קאָך מיר אָב אַ פּאָר מײַדלעך מיט פּוטער.

אַננאַ. וואָס זאָל איך אײַך אָבקאָכען?

משה. אַ פּאָר פּיטעטליך מיט פּוטער.

אַננאַ: אָללרײַט. וואָס זעהט מען עפּעס ניט דעװ׳ן אַ גאַנצען טאָג?

משה. ער זיצט אינוועניג מיט לילין. זײַ האַלטען זיך אין איין שושקען.

אַננאַ. אוי קינדער, קינדער!

משה. חנה׳לע, האָסט דאָך מיר געוואָלט אָפּקאָכען אַ פּאָר קינדער... פּיטעטעס.

אַננאַ. אָט געה איך אײַך אָבקאָכען די מײַדלעך און די קינדער וואָס איהר ווילט. (אָב).

משה. אַהרן גיב מיר אַ ביסעל טאַבאַק אין דער פּײַף אַרײַן (עס געשיהט).

אַהרן. הערסט משה, מען האָט מיר ערצעהלט און איך האָב אַלײַן געלעזען אויך, אַז מענשען פליהען שוין, איז אַ פּלאַן באַאמנות מיר וועלען זיך אַרײַנזעצען אין אַ לופט באַלאָן און פליהען גלײַך אין הימעל אַרײַן און אָבנאַרען דעם מלאך המות.

משה. אויסגעצייכענט, אפּנארען דעם מלאך המות... גיב מיר א מלאך המות... א שוועבעלע.

אהרן. דו ווייסט משה'לע, מען דארף זיך אנהייבען גרייטען אין וועג אריין.

משה. נישט פריהער ביז איך וועל ניט מיין ליליטשקע חתונה מאכען, אפּגעלעבט מיט מיין אלטיטשקע 44 יאהר אהן א קינד, דאס יתומה'לע איהר שוועסטער'ס טאכטער איז אלעם וואס מיין רחה'לע האט מיר איבערגעלאזט, און איך מוז פריהער דאס קינד פערזארגען. איך האב מיין רחל'ען צוגעזאגט, מיין גוטער רחל'ען.

אהרן. אבער סיי ווי סיי דארף מען שוין אנהויבען איבערקוקען דעם טלית, אויסוואשען דעם קיטעל, מ'דארף זיך אויספּוצען ברודער'קע ווען מען דארף זיך פארשטעלען פאר דעם מלך מלכי המלכים. (שלאפט איין).

משה. און איך ברודערקע וועל מיך בעהאלטען, און אז דער מלאך המות וועט קומען וועל איך זאגען אז איך בין ניט דא אין דער היים, ווייסטו וואס אהרן: לאמיר איהם אפּטהון א שפּיצעל, מיר וועלען פערשמירען די נומערען פון הויז, וועט ער נישט וויסען וואו אהין צו געהן. ווען ער וועט זיך שטעלען אויפ'ן קאפּ וועל איך נישט געהן. ביז איך וועל נישט טאנצען ביי מיין ליליטשקע אויף דער חתונה. און ווייסטו מיט וועמען, מיט דיין דעוו'ן טאקי. דו הערסט, אהרן, וואס איך רעד צו דיר? זעה נור איינגעשלאפען געווארען ווי א הונדערלע, אוי שוין אנ'אלטער מאן מיין ברודעריל. (סצענע שיעסען מיט א פּאפּירענע ביטעל).

אהרן. רעוואלוציע! מ'שיעסט! דו ליופער דו האסט דאך מיר שיער די נשמה ארויסגענומען. אוי ווייסער-חברהניק.

משה. אוי אלטיטשקער, ביזט שוין גאר אין גאנצען אויסגעוועבט, ניט אומזיסט זאגט מען אז אנ'אלטער איז א מין.

אהרן. ער רופט מיך אלטער. מיט וויפיעל ביזטו עם יונגער פון מיר? מיט דריי מינוט? צווילינג מיינער, אוי אוי...

משה. וועה איז מיר! האסט דיר א זעץ געגעבען אהרעלע. טהוט דיר חלילה עפּעס וועה? נו נו, איך וועל שוין ניט, איך זאל אזוי לעבען איך וועל שוין ניט. זיי ניט בייז.

אהרן. ווי קען מען אויף דיר זיין בייז אז דו ביזסט אזא ליע-בער, אזא גוטער.

דריטע סצענע.

פריהעריגע, אננא.

אננא. נו קינדער דאס עסען איז אויפ'ן טיש.

אהרן. נו משה'לע קום שוין עסען קום (ביידע אב).

אננא. (רופט) דעוו, דעוו, קום נור אריין, איך דארף דיך צו האבען.

דעוו. (דרויסען) רוף מיט ליליין.

אננא. נו רוף מיט, ווער שטערט דיר דען?

דעוו. זי וויל ניט געהן.

אננא. זי וויל נישט, וואס זשע זאל איך טהון? שיקען נאך איהר א פּאליצייסמאן? קום נור אהער א מינוט ועסט מעגען באלד צוריקגעהן —

דעוו. אללרייט, אללרייט, איך קום, איך קום.

פירטע סצענע.

פריהעריגע, דעווי:

דעוו. מאמא, לילי האט איינגעפּאקט די זאכען און זאגט אז נאך מארגען מיט'ן ערשטען צוג פאהרט זי צוריק קיין ניו-יארק.

אננא. איך פערשטעה ניט, ווען מיר האבען זי מיט'ן פעטער משה איינגעלאדען צו אונז אהער איבער'ן זומער איז זי באלד מיט דער גרעסטער שמחה געקומען צו לויפען, מיר האבען איהר מיט'ן פעטער אפּגעגעבען א בעזונדער צימער און יעצט קוים צוויי וואכען אז זי איז דא, וויל זי גאר פּלוצלינג אהיים פאהרען, וואס איז אזוינס?

דעוו. זי זאגט אז דער פּאפּא זעהט זי ניט גערן. ווען זי קומט אריין אין שטוב געהט פּאפּא אוועק, גלייך ער קען זי ניט ליידען, איך בעט דיך זאג פּאפּא, ער זאל ניט זיין אזוי, איך וויל נישט זי זאל פאהרען, איך וויל ניט אז מיין לילי זאל פאהרען.

אננא. מיין לילי? זייט ווען איז זי געווארען דיין לילי? זעה ווי ער איז רויט געווארען. נו און ראזא, לילים חבר'תע? דאכט זיך אז דו פערדרעהסט איהר אויך דעם קאפּ. דאס איז ניט שעהן מיין קינד. דער סוף וועט זיין זיי וועלען ביידע איינע פון דער אנדערע געוואהר ווערען וועלען זיי דיך ביידע אוועקווארפען. צוויי מיט איינמאהל קען מען ניט ליעב האבען.

דעווו. דערווייל געהט מיך אן לילי. איך וויל נור וויסען פאר וואס האט זי פאפא פיינד?

אננא. נישט אמת, פאפא האט קיינעם נישט פיינד, איבערהויפט ליליז. איך זעה ער שפיעלט שטענדיג פאר איהר זיינע נומער'ן און ער דאט א בעזונדער פערגעניגען ווען לילי זינגט זיי, נא דיר גאר פיינד (מען הערט א וואגען) שא פאפא איז געקומען.

דעווו. פליס מאמא, זעה ער זאל אביסעל פריינדליכער זיין צו לילין, איך בעט דיך.

אננא. אללרייט! איך מוז אריינגעהן איהם העלפען.

דעווו. מאמא פערגעס נישט וואס איך האב געבעטען (אב).

אננא. (רעדען דרויסען) העלא לעאן!

לעאן. העלא, וואס מאכט מיין פאפא, וואס מאכט דעווי?

אננא. וואס האט געזאגט דער פראפעסאר? (אויפטריט).

לעאן. גארנישט, איך דארף האבען רוהע, דאס איז אלעס, אה! ווי זיי זינגען און שפיעלען דארט אויף מיינע נערווען (ער שפיעלט אננא קומט).

אננא. טהוסט אלץ דאס דייניגע! האסט דאך מיר צוגעזאגט זיך נישט מעהר אנצושטרענגען! מען מוז דיך היטען ווי א גנב.

לעאן. אבער קינד לעבען, איך קען נישט זעהן ווי עס ליגט אונגעענדיגט די ארבייט, און ווירקליך אז איך שאף עטוואס גוטעס פיהל איך אז איך זעטטיגע מיין גייסט, מיין נשמה, און עס וואלט געוועזען איין פערברעכען זאלסט מיך דאריין שטערען.

אננא. אבער דאס ליכט שאדעט דיר, וועסט שרייבען מארגען, ביים טאגעסליכט איז בעסער.

לעאן. וואס רעדסטו קינד! שאפען איז דאך אזא זאך וואס מען קען נישט בעשטימען קיין צייט, ווען די בעגייסטערונג איז נישטא העלפט נישט דאס וועלען, אבער אין אזא שענער אויסגעשטערנטער זומער נאכט, ווען די בלעטער בעוועגען זיך פון א שטיל ווינטעלע און די שטילע נאטור פאנגט אן איינדרעמלען נאך א הייסען מידען זומער טאג, דאן פיהל איך ווי פון מיין הערצען ווילען זיך ארויסגיסען זיסע הימילשע טענער. אט הער אמיסנע אננא (שפיעלט).

אננא. (לאזט ניט) אנדערש ווי מיט געוואלד קען מען ביי דיר נישט אויספיהרען.

לעאן. אננא, דאס איז צו פיעל! איך בין דער העהר פון מיין טאלענט און געפיהל, דא אויף דעם לאנד צווישען די פארמערס ביזטו געווארען אזוי אונזיטליך...

אננא. נא נא, פערצייע מיך! איך האב נישט שלעכט געמיינט. שרייב, שפיעל, איך זאג דיר שוין גארנישט.

לעאן. נו, אז דו ווילסט ניט וועל איך נישט שרייבען, ביזטו שוין צופריעדען? נו קום אהער מיין אלטער טרייער פריינד, מיין אננא, זיץ דא ביי מיר. מיט מיר האסטו היינט פיעל געארבייטעט?

אננא. יעס געארבייט, הארפאשנע הענד זענען נישט געשאפען צו צערטלען, אזא גרויסען קינסטלער ווי דו ביזט, אבער דאס איז נישט ווילכטיג, דו בעסער דערצעהל מיר, איז דער פראפעסאר צופריעדען מיט דיינע אויגען?

לעאן. איך זאג דיר אננא עס איז גארנישט מיט מיינע אויגען, נאך זעקס וואכען און דער סעזאן אין טהעאטער פאנגט אן, און אז איך וועל אויפפיהרען מיין אפערע, און עס וועט זיין א סוקסעס, אך טהייערע, וועלען מיר דאן גליקליך זיין, און אונזער דעווי ווי ער וועט זיך פרייען. ווי לאנג ערשט א קינד געוועזען, און שוין א מאן, ווייסטו אננא אין זיין געגענווארט פיהל איך מיך אזוי יונג ווי ער, און מיר דאכט זיך אז דו ביזט אונזער ביידענס מאמעלע.

אננא. רעד, רעד, איך בין דיין מאמעלע. א מאל האסטו מיר גערופען דיין זון דיין ליכטיגער שטערן, ווען דו האסט וואכען לאנג מיט פערמאכטע אויגען אין האספיטאל פערבראכט, האסטו געטרוימט פון דער פערגאנגענהייט, און האסט מיך געזעהן אלס 18 יאהריגעם מעדכען פריש ווי דער פריהלינג, מיט א בלאס געזיכט און שעהנע פיגור, אבער ווי מען האט ענדליך די בינדע פון דיינע אויגען אראבגענומען און דו האסט ווידער געקאנט קוקען אויף דער ליכטיגער שיין...

לעאן. האב איך דאס ערשטע מיין אננא נעבען מיין בעט דערזעהן.

אננא. א פערענדערונג האב איך אין דיינע אויגען דערזעהן, פרעמד האסטו געקוקט אויף דיין אננא וועלכע איז דורך דיר גראה געווארען, וועלכע האט דורך דיין קראנקהייט איהר שענהייט פערלוירען, און אנשטאט דער שעהנער 18 יאהריגער אננא — האסטו איין אלטע פרוי ביי דיין בעט געטראפען.

לשאָן. אָבער קינד, דאָס זעלבע קענסטו אויך וועגען מיר זאָגען, אויך איך בין ניט דערזעלבער וואָס מיט 20 יאָהר צוריק, אויך איך ווער עלטער גראַדע ווי דו.

אַננאַ. עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד ווי אַזוי מענער עלטערן זיך און ווי אַזוי פרויען עלטערן זיך: אַ מאַן ווען ער האַלט זיך נור מוטהיג איז ער יונג ווי אַלט ער זאָל זיין. מיר פרויען ווערען אָבער אַלט באַלד ווי מיר ווערען נור אַ מאַמע. יאָ איך האָב פערגעסען: דאָס קינד האָט מיך געבעטען מיט דיר צו רעדען וועגען לילין.

לשאָן. (צובּרעכט עפּעס) אָבער שטענדיג שטעלסטו אַנידער זאַכען אויף דער פיאַנאָ.

אַננאַ. (קלויבּט אויף) נו, איבּער אַזאַ קלייניגקייט איז ניט ווערט אויפגערעגט צו זיין.

פינפטע סצענע.

פריהעריגע, דעוו.

דעוו. אָה פּאַפּאַ... (צו דער מוטער) האָסט געהערט?

לשאָן. מיי בּוי, מיי דעוו.

דעוו. נו וואָס האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר, וואָס זאָגט ער?

לשאָן. ס'איז גאָר נישט, ס'וועט זיין אָללרייט.

אַננאַ. לעאָן, האָסט היינט אַ גאַנצען טאָג ניט געגעסען. קום אַריין עסען.

לשאָן. אָללרייט. קום מיי בּוי עסען.

דעוו. איך האָב געגעסען מיט לילין.

לשאָן. מיט לילין... (אָבּ)

דעוו. נו זעהסט?

אַננאַ. וואָס זעהסטו? וואָס האָסטו געזעהען?

זעכסטע סצענע.

פריהעריגע, היימי.

היימי. העללאָ. עקסקיוז מי, מיי נעם איז היימי שטיין. מיין זיידע אַ רוסישער רופט מיך אויף רוסיש היימי זשוליק. מיין בּרודער איז אַ רומענישער, רופט מיך היימי פאָנגאַטש, מיינע פריינדין די וואָס

קענען מיך בּעסער פון אַלע רופען מיך היימי קוועקזילבּער, ווייל בּיי מיר איז וואָן טו טרי, אַ טאַנץ און אַ שפּרונג און דעטס אָל.

דעוו. און וואָס ווילט איהר מ"ר לויפער היימי פונגאַטש און קוועקזילבּער?

היימי. וואָהנען דאָ די פאַמיליע אָפּענהיים.

דעוו. יעס.

היימי. איך דאַרף זעהן מיס לילי.

אַננאַ. וואָס פאַר אַ מחותן זענט איהר מיט לילי?

היימי. מיט לילין בּין איך גאָר קיין מחותן, אָבער מיט ליליס פריינדין ראָזאַ, מיט איהר בּין איך שוין אַ נאָהנטער מחותן. בּיי אונז געהט עס אַזוי וואָן טו טרי, אַ טאַנץ און אַ שפּרונג און דעטס אָל.

דעוו. אָבער וואָס פאַר אַ מחותן זענט איהר מיט אונז?

היימי. אָט דאָ ליעגט דער הונד בּעגראָבען, איך בּין אַ מחותן מיט ראָזאַ, ראָזאַ איז אַ מחותן מיט לילי, האָט מיך די מחותניתטע ראָזאַ געשיקט צו דער מחותניתטע לילי איהר זאָגען, אַז זי מאַכט דאָרטען אין די סאַס יאָ, דער היל מיט אַלע בּוי'ס און גורילס, און וויל אַז זי ליליע זאָל אַהין קומען.

אַננאַ. פון מיינטוועגען.

דעוו. זאָגט מיס ראָזאַ אַז מיר האָבען זי געבּעטען אַז זי זאָל קומען אַהער.

היימי. מיט'ן גאַנצען בּאַנטש?

דעוו. מיט'ן גאַנצען בּאַנטש. זאָגט אַז איך און לילי האָבען זי געבּעטען.

היימי. אויב איהר ווילט עס, איז וואָן טו טרי, אַ טאַנץ און אַ שפּרונג און מיר אַלע זענען שוין דאָ, מיר האָבען אָבער ליעב אַ גוטען טאָג צו לעבּען.

דעוו. אָלל רייט.

היימי. נו ענטשולדיגט. איך לויף, איך בּין קוועקזילבּער, און האָב פיינט אויף זיך צו לאָזען וואַרטען. בּיי מיר איז וואָן טו טרי, אַ טאַנץ און אַ שפּרונג און דעט'ס אַל, (אָבּ).

אַננאַ. עפּעס אַ משוגענער זאָל איך אַזוי לעבּען.

דעוו. מאַמאַ, פּליעס, דעד מיט פּאַפּאַ וועגען ליליע

אַננאַ. איך האָב שוין אָנגעפאַנגען רעדען בּיזטו אָנגעקומען.

איך געה אריין ביים עסען וועל איך רעדען מיט איהם, און אז גאָט וועט וועלען וועט זי זיין דיין לילי, (אָב).

לסאָן. (דרויסען) דעוו!

דעוו. יעס.

לסאָן. ברענג אריין די נומער 1.

דעוו. אָללרייט (אָב).

זיעבענטע סצענע.

היימי ראָזאַ קאָהר (געזאַנג).

דאַמען. האַ האַ!

היימי. דאַמען זיי זענען דאָס לעבען ביי מיר.

קאָהר. מיט אונז איז ער אויף יעדען אָרט.

היימי. זעה איך אַ מיידעל קראַפּיער איך פאַר איהר.

קאָהר. ווייל ער איז דאָך אַ שפּאָרט.

היימי. איך ווער ניט מיעד און ווער נישט פערשמאַכט.

קאָהר. די איז אַ ווער גוט בוי.

היימי. ווי איך נור געה.

קאָהר. ווי ער געהט.

היימי. ווי איך נור שטעה.

קאָהר. ווי ער שטעהט.

היימי. פריהשטיק אַ מיידעל,
מיטאָג אַ ווייבעל
ביי טאָג און ביינאַכט, שטענדיג טעניס מיין שפּיעל
ביים באַל-שפּיעל איך וויל
ביליאַרד, קאָרטען נאָר שפּיעלען גאַנצע נעכט,
און פון אַלע גליקען
זאָל גאָט מיר צושיקען
שפּיעלען מיט אַ מיידעל נישט שלעכט
מעג עס הייסען פעני
מעג עס הייסען עני
קיין אונטערשיעד ביי מיר
אַ טאַנץ, אַ שפּרונג

און אויך אַ זינג
וואָן טו טרי און איך בין שוין ביי איהר.

אויפטריט ראָזאַ און 6 מענער.

קאָהר. האַ האַ.

ראָזאַ. וואו ביזטו אַנטלאָפען מיין לעבען מיין גליק?

קאָהר. יאָ זי האָט דאָך רעכט.

ראָזאַ. איבערגעלאָזט מיך אַליין מיט 6 שטיק!

קאָהר. דאָס איז אויך נישט שלעכט.

ראָזאַ. עס איז נישט שען.

קאָהר. עס איז נישט שען.

ראָזאַ. מיך לאָזען אַליין.

קאָהר. יאָ אַליין.

ראָזאַ. טהו דאָס ניט מעהר, איך בעט דיך זעהר, זעקס איז פאַר מיר צו שווער
העררי און בארני און סעמי מיין שאַץ.

קאָהר. סעמי איהר שאַץ.

ראָזאַ. און דיך מיין היימי הער איך ווי די קאַץ.

קאָהר. זי הערט איהם ווי די קאַץ.

ראָזאַ. איך קען דיך ניט מעהר.

קאָהר. יאָ ניט מעהר.

ראָזאַ. קריך ניט אַהער.

קאָהר. ניט אַהער.

ראָזאַ. בי אַ גוט בוי ווי ניט קיין גוי, פאָלג מיך און טהו ניט אַזוי.

היימי. אויף קלאָהר לאָז מיך פערשטעהן.

ראָזאַ. מ׳לאָזט ניט אַ מיידעל אַליין.

בײדע.
איהר בוים היט אָב די מיידלעך היט זיי גוט
לאָזט זיי ניט אַליין און נעמט זיי תמיד מיט
היט בעני דיין פעני, היט מאַלי דיין טשאַלי
לאָזט אייך ניט קיין מאָל אַליין.
קוים ווערסטו צום מיידעל קיין גוט בוי ניט זיין
אוי ווערסטו דאַן ליידען זייענדיג איהר מאַן.
אויב איהר וועט זיין אָללרייט, וועט איהר צו יעדער צייט
ביידע גליקליך זיין. (קאָהר אָב).

הײמי. וואס װעלען מיר יעצט טהון?

ראזא. וואס װילסטו טהון אין א פרעמד הויז. װײסטו וואס קעהר איבער דאס מעבעל, האק אוים די פענסטער, צוברעך די פיאנע, וועט קומען א פאליסמאן און מען וועט דיך ארעסטירען, און עס וועט זײן געענדיגט די ביזנעס.

הײמי. מיך דארפסטו קײן סך ניט בעטען, איך בין קוועקזילבער. בײ מיר איז שוין וואן טו טרי, א טאנץ און א שפרונג און דעמים אל (וויל זי אומארמען).

ראזא, סטאפ. קוועקזילבער דו שפרינגסט צו פיעל, דעװ וועט דאס ניט לאזען, ער וועט בעז ווערען.

הײמי. אט דאס וויל איך דאך טאקי. זאל ער זײן ברוגז, וועל איך זײן חבר, האסט מיך דאך ליעב.

ראזא. ווי זאלץ אין די אויגען.

הײמי. וואס דען?

ראזא. איך האב ליעב דיך צו מאכען פאר א משוגענעם.

הײמי. דו מיך פאר א משוגענעם, אזעלכע מײדלעך ווי דו געהען בײ מיר 18 אויפ'ן טוץ.

ראזא. און אזעלכע בוי'ס ווי דו װאלגערן זיך בײ מיר אויפ'ן מיסט.

הײמי. איך וויל זעהן ווי דו וועסט מיך מאכען פאר א משוגענעם.

ראזא. אללרײט. מיר װעלען שוין זעהן, הײמי געה זאג ליליז אז איך בין דא, וואס האט זי מיך געלאזט רופען אומזיסט.

הײמי. אה איך פערשטעה! ווילסט אוועקגעהן, איך זאל ניט האבען וועמען צו טרעפען, אבער נישט בײ הײמין.

ראזא, איך גיב דיר מײן עהרענוואָרט אז איך וועל ניט אוועקגעהן, איך ווארט ביז דו קומסט צוריק.

הײמי. דײן ווארט גלויב איך, אײנא יו אר יו לעדי.

ראזא. דאן ערלויב איך דיר צו קושען מײן האנד (געשיהט) נו געה!

הײמי. וואן טו טרי, א טאנץ א שפרונג איך בין שוין צוריק (אב).

ראזא. איך וועל זעהן צו וועל איך איהם ניט מאכען פאר א משוגענעם (זי נעהמט דעם טעלעפאן) נומר 175. העללא, העללא, שעריפס אפיס. איז עס דער שעריף... יעס? פליס מ״ר שעריף

קומט זאפארט צו מיר... מ״ר אפענהײם ווילי. א יונגערמאן איז דא משוגע געװארען, ער טאנצט און שפרינגט, שרײט, קומט זאפארט מיט שטארקע מענשען און נעמט איהם אוועק, נור פליס זא שנעל ווי מעגליך, ער קען דא יעמאנדען דערהרגענען, יעס יעס דערהרגענען (פאוזע, הײמי קומט).

הײמי, זי וויל ניט געהן, זי זאגט אז זי האט דיך ניט גערופען.

ראזא. וואס זשע האסטו מיר געזאגט אז ליליז רופט מיך?

הײמי. איך האב פערגעסען אז איך האב זי אלײן געשיקט ווײל דעװ האט מיר געזאגט איך זאל אזוי זאגען.

ראזא. דעווי? ער קוקט מיך נור אן.

הײמי. וואס זשע געהסט ניט מיט איהם?

ראזא. און דו ביזט אײפערזיכטיג! איך האב געזאגט איך וועל דיך מאכען פאר א משוגענעם, שא לאמיר זעהן, צעהל מיר אב ביז 5.

הײמי. 1. 2. 3. 4. 5.

ראזא. בראווא, דאס קינד קען שוין צעהלען ביז 5.

אכטע סצענע.

(פריהעריגע, שעריף — צוויי געהילפע.

ראזא. דעט'ס איז דער מאן, יו סי הי איז קרײזי.

הײמי. וואס איז דאס?

שעריף. נעהמט איהם (געשיהט).

ראזא. דו זעהסט ביזט א משוגענער, ווײסט וואס? טאנץ — וועל איך דיר הײסען אבלאזען (געשיקט) איהר זעהט? ער איז משוגע.

שעריף. נעהמט איהם, (ווערט אבגעפיהרט).

נײנטע סצענע.

פריהעריגע, דעוו.

דעווי. וואס איז דא געוועזען?

ראזא. ער האט מיך צופיעל געדולדט, האב איך געשיקט נאך דעם שעריף, און איך האב געזאגט אז ער איז משוגע.

דעווי. אללרײט, זיצט!

ראזא. טהענקיו (זעצען זיך בײדע) וויפיעל איז דער זײגער?

דשוו. 8 אַ זייגער. אַז איהר וועט מיר צוזאָגען אַז איהר וועט ניט לאַכען פון מיר, וועל איך אייך עפּעס זאָגען: מיר דאַכט זיך אַז איך בין פערליעבט.

ראָזאַ. וואָס איז דאָ צו לאַכען? מיר שיינט אַז איך בין אויך פערליעבט.

דשוו. זעגען מיר דאָך אַ גלייכע פּאָר... אין וועמען זענט איהר פערליעבט?

ראָזאַ. אין וועמען זענט איהר פערליעבט?

דשוו. אַז איהר וועט מיר זאָגען אין וועמען איהר זענט פער-ליעבט וועל איך אייך זאָגען אין וועמען איך בין פערליעבט.

ראָזאַ. ניין, אַז איהר וועט מיר זאָגען אין וועמען איהר זענט פערליעבט וועל איך אייך זאָגען אין וועמען איך בין פערליעבט.

דשוו. איך בין פערליעבט אין אַ מיידעל.

ראָזאַ. און איך בין פערליעבט אין אַ יונגעל.

דשוו. אָבער אַ שען מיידעל.

ראָזאַ. אָבער אַ שען יונגעל.

דשוו. און ווער איז דאָס יונגעל.

ראָזאַ. און ווער איז דאָס מיידעל.

דשוו. איהר קענט זי.

ראָזאַ. איהר קענט איהם אויך, און ווער איז דאָס מיידעל.

דשוו. דו דו ראָזאַ, וואָס פאַר אַ שען וואונדערבאַר בעשעפּע-ניש דו ביזט, ראָזאַ איך האָב דיך ליעב, איך האָב דיך ליעב (אומאַרמונג).

ראָזאַ. לאָזט מיך פריי, לאָזט מיך פריי.

צענטע סצענע

פריהריגע, היימי.

היימי. אַזוי! אַ משוגענער בין איך, האַ?

דשוו. אוי טאַקי אַ משוגענער (אָב).

היימי. איך וועל דיר באַלד ווייזען וואָס אַ משוגענער קען.

ראָזאַ. היימי אַז דו וועסט דיך נישט בערוהיגען וועל איך באַלד טעלעפאָנירען אַז דו ביזט געשטאָרבען, וועט מען קומען און מ'וועט דיך באַלד בעגראָבען.

היימי. וואָס האָסטו געוואָלט, וואָס?

ראָזאַ. איך האָב דיך געוואָלט מאַכען פאַר אַ משוגענעם.

היימי. אַנ'אַלטע טבע ביי אייך ווייבער, דעם מאַן וואָס האָט אייך ליעב מאַכט איהר פאַר משוגע.

ראָזאַ. בויטשיקעל דו ליעבסט מיך טאַקי. זעהסט איך וואָלט דיך שוין אויך ליעב געהאַט, נור וואָס זאָל איך דיר טהון מיט דיין פנים, דיין פנים מאַכט מיר קאַליע.

היימי. מיין פנים! וואָס זשע זאָל איך טהון מיט מיין פנים.

ראָזאַ. ווייסט וואָס, נעהם דיין פנים און פערזעץ עס, און פערליער די שיין (אָב).

היימי. שען טאַנצען אונז די ווייבער אויפן קאָפּ, דאָס טהוען זיי יעצט, און וואָס וועט דערנאָך זיין, אַז מיר וועלען זיי געבען די רעכטע? שען וועלען מיר אויסזעהן ווען ווייבער וועלען זיין אונזערע ריכטער, אונזערע פּאָליסלייט, און אַז יאָ שוין רעכטע — פאַר וואָס זאָלען זיי נישט זיין שוחטים, דיינים, רבנים, להבדיל סטרוזשעס, סאָלדאַטען, אַ שען פנים וועלען מיר האָבען. (ער זינגט):

איך שטעל מיר פאָר, אַז איך וואָלט געוועזען אַ גרויסער מאַן,
ווי טאַפט.
אַ ניי געזעץ וואָלט איך געמאַכט, פאַר ווייבער אַ געשעפט:
דאַמען רעכטע, ביי מיין לעבען גיב איך זיי די מינוט,
די בעסטע אַמטען, זיי געגעבען, צו פוצען די סטריט,
ווייבער פּאָליסלייט, וואָס וואָלט געווען, נו טרעפט?

(רעפריין) אוי וועט דאָס זיין אַ מחיה,
ווען אויפ'ן גאַס וועט שטעהן מיסעס פּאָליסמאַן חיה,
חיה פּאָליסמאַן, פּאַיע דעטעקטיוום
און ווייטער אַ מאַיאָר, אויך אַ פּרעזידענט
קיילע, אַ שמש ביילע, שוחטים און דיינים,
נאָר ביי די ווייבער אין די הענד

איך שטעל מיר פאָר סאָלדאַטען פון ווייבער,
וואָס דאַרפען געהן אין שלאַכט.
שמינק און פודער, הוטען, שורעמס,
דאָס וואָלט געווען איהר מאַכט.
און ווען ביים שונא איז דאָ אַ שענער אָפיציר,

אוועקגעלעגט באַלד דאָס געוועהר,
אַזאַ יאָהר אויף מיר.
נײַע מונדרעס צום שיסען, וואָלטען זיי אויסגעטראַכט.

(רעפרייז) אוי וועט דאָס זײַן אַ צרה,
ווען די קאָמאַנדע וועט געבען גענעראַל שרה!
חיה פאָליסמאַן פאַיע א. אַז. וו. (לויפט אָב)

עלפטע סצענע.

לעאָן, אַננאַ.

לעאָן. וואָס פאַר אַ לאַרם איז דאָ געווען?

אַננאַ. מ'הסתם די קינדער: דעוו, ראָזעס חבר'תעס, לילי.

לעאָן. לילי... לילי...

אַננאַ. אָבער איך האָב דיר געזאָגט אַז די קינדער האָבען זיך ליעב.

לעאָן. און איך וויל ניט אַז דעוו זאָל מיט איהר חתונה האָבען.

אַננאַ, נו וואָס דאַרפסטו זיך ערגערן, וועט דען זײַן יאָ אַז דו וועסט זאָגען ניין? אָבער איך פערשטעה ניט וואָס האָסטו צו לילען?

לעאָן. איך האָב צו איהר גאָר ניט. פערקעהרט, איך האָב ליעב צו הערען ווי זי זינגט מײַן מוזיק, נור דעוו איז נאָך צו יונג צו רעדען וועגען הײַראַטען, און דאַן מיר ווײַזט זיך אויס, אַז אונזער בוי האָט גאָר עפּעס ביזנעס מיט איהר פריינדין, מיט ראָזאַ.

אַננאַ. ראָזאַ איז אַ גאַנץ וואויל מיידעל, איהר פאָטער מ"ר נײַמאַן איז אַ רײַכער באַנקיער, ער גיט איהר נדן 30,000 דאָלאַר, און עס וואָלט געווען אַ גאַנץ וואוילע פּאַרטיע פיר אונזער דעוו, אָבער ער האָט ליעב לילען,

לעאָן. איך וואָלט זעהר נישט געוואָלט אַז לילע זאָל לײַדען, זי איז זעהר אַ גוט קינד. (שרײַבט)

אַננאַ. זעהסטו לעאָן, דו ביזט אַלץ דער ליעבער, דער גוטער, האָסט געבאַך רחמנות אויף דער יתומה'לע. לעאָן האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט נישט צו שרײַבען בײַ נאַכט.

לעאָן. גוטער מלאך, נור ווי אַ קינד היטסטו מיך אָב מיט דײַן זאָרג און טרײַע. אָבער שפּיעלען מעג איך?..

אַננאַ. שפּיעלען, שפּיל וויפיל דו ווילסט אַבי ניט שרײַבען, ווײַסטו וואָס לעאָן, שפּיעל דו אונטערמעצאָ פון דריטען אַקט, איך האָב עס זעהר ליעב צו הערען.

לעאָן. ניין, איך וועל יעצט שפּיעלען דעם שיר השירים, דאָס האָע ליעד, דאָס ווירקט בעסער אויף מײַנע נערוועען.

אַננאַ. אוי דו גנב! דו ווילסט אַז לילע זאָל עס דערהערען און אַראָבקומען. אָללרײַט, טהו ווי דו ווילסט, אַבי זאָלסט מיר נור זײַן געזונד, מײַן ליבער גוטער אַלטער יונגערמאַן (אָב, לעאָן שפּיעלט).

לילי. (זינגט דרויסען):

איין ליעבעס ליעד זינג איך פאַר דיר,
אַך ווי עס גליהט אין הערצען בײַ מיר,
אַך מײַן אַמאָר, דיך דיען איך נאָר
מײַן אַפּאָלאָן, הער צו מײַן טאָן,
הער מײַן געזאַנג, און האַרפען-קלאַנג
דעם ליעבעס טראַנק...

קאָהר בים
ליעב מיך נור פיעל — ליעב אין דער שטיל,
דער ליעבעס טראַנק ער שמעקט זאָ זיס —
קום נאָר צו מיר איך וואַרט אויף דיר
אין ליעבעס פּאַראַדיז.
ליעב און ווער ניט מיעד, זינג אַ ליעבעס ליעד,
ליעב מיך נור פיעל, ליעב אין דער שטיל. ליעב, ליעב...

צוועלפטע סצענע.

לילי. פריהער.

לילי. גוט איווענינג מײַן גרויסער שענער אָנקעל.

לעאָן. גוט איווענינג מײַנע שענע פּריכאַדאָנע. לילי, ווען איך דערהער דיך זינגען דאָס ליעד דער ליעבע, פיהל איך אַ הימליש פערגעניגען, איך וואָלט ניט מיעד געוואָרען שפּיעלענדיג מײַן גאַנצעס לעבען, ווען איך דערהער די שטימע פון דײַן זיסען האַלז.

לילי. און איך וואָלט ניט מיעד געוואָרען זינגענדיג מײַן גאַנצעס לעבען לאַנג, נאָר צו זײַן נעבען דיר. אָבער וואָס קומט אַרויס, מיך ציהט צו דיר, און דו אַנטלויפסט פון מיר, פריהער מיט יאָהרען

צוריק האב איך געמעגט נעמען דיין האנד, דיך ארומנעהמען, און יעצט...

לסאן, יעצט ביסטו נישט מעהר קיין קינד.

לילי. נעווים: איך בין שוין לאנג אוים קינד געווארען. צוריק מיט 6 יאהר, אין א געוויסען טאג, ביזטו דאן געזעסען ביי דער פיאנא אזוי ווי יעצט, איך בין דאמאלס קוים 12 יאהר אלט געווען, איך בין דאן געזעסען ביי דיינע פיס, און דו האסט געשפיעלט און געשפיעלט, אה! איך בעט דיך אנקעל, שפיעל יעצט. שפיעל, לאז מיך הערען דיין שפיעלען — און פיהלען דעם געגום פון דיינע הימלישע טענער.

לסאן. יעס, יעס. נור דו קענסט מיך פערשטעהן. הער ווי דער פריהלינג, די יוגענד, די זיסע יוגענד, דאס הערץ — די געפיהלע וואס זענען שוין בעדעקט מיט א דינען פראסט פון עלטער, לעבען ווידער אויף אין מיר, ווייל די צווייטע יוגענד קומט ווידער.

לילי. הער ניט אויף צו שפיעלען, שפיעל אנקעל, איך וויל מיין נשמה מיט דיינע טענער צוזאמען גיסען.

לסאן. יא, איך וועל עס נאך א מאל שפיעלען פאר דיר, נאר פאר דיר מיין לעצטע פאנטאזיע, דאס האהע ליעד, שיר השירים (שפיעלט, זי לענט בלומען און זינגט) קום נאר צו מיר, איךווארט אויף דיר אין ליבען פאראדיז. (אלע ווייזען זיך אין הינטערגרונד).

פארהאנג פאלט.

צווייטער אקט.

דיזעלבע דעקאראציע ווי אין ערשטען אקט.

ערשטע סצענע.

אננא שפעטער משה און אהרן.

אננא. קומט אריין עסען. דאס עסען איז שוין אויפ'ן טיש, קינדערלעך בעבעלעך מיינע קומט אריין (זיי קומען).

אהרן. וואס איז דאס חנה'לע וואו איז דאס ברויט.

אננא. אט איז דאך א טעלער מיט פרישע בולקעס.

אהרן. די בולקעס, שניר לעבען, וועסטו געבען א קינד אדער א חולה, איך האב ליעב א שטיקעל פראסט שווארץ ברויט,

משה. נו וועל איך עסען די בולקס, ער וויל ברויט, גיב איהם ברויט, זיי אזוי גוט העננ מיר אויף דאס ברויט (גיט דעם ראק).

אהרן, (גיט אויך דעם ראק) חא-חא-חא העננ מיר אויף דאס ברויט.

אננא. טאקע נור ווי קינדער אזוי זענען זיי, אט גיה איך ברענגען ברויט (אב).

אהרן. ווי געפעלט דיר מיין איניקעל מיין דעוו? א בויטשיק הא? וועסט מיך א סך בעטען, ביז איך וועל דיר איהם געבען דיין לילי פאר א חתן.

משה. ווי דען? איך האב אוודאי א דאגה מיט מיין ליליען, האסט עפעס א סך אזעלכע מיידלעך?

אהרן. א דאגה היינט מיידלעך אין אמעריקא, זיי וואלגערען זיך אין אלע גאסען.

משה. (טאפט די בולקעס) יא מיידלעך אבער וואס פאר א מיידלעך, לויטער אלטגעבאקענע מיידלעך... בולקעס (עס קומט אן אננא מיט ברויט).

אַננאַ. אָט איז דאָ ברויט, שוועֶר.

משה. איך וועל שוין אויך עסען ברויט.

אהרן. ברויט ברודערקע דאָס גיט כח, אָט קוק מיך אָן, 80 יאָהר אַלט געוואָרען און זעה אַ האַנד, אַ מוסקול, זעה אַ ברוסט, דאָס איז ווייל איך עס נישט די נאַשערייען. הערסט חנה'לע מען עסט היינערן פליישׁ האָט מען כח ווי אַ הון און אַז מען עסט אָקסען פליישׁ האָט מען כח ווי אַן אָקס.

משה. און וואו איז ערגעץ מיין לילי?

אַננאַ. באַלד אין דער פריה האָט איהר מיין מאַן געגעבען אַ לעקציאָן אויף דער פיאַנע. דאַן איז לעזין, לילי מיט די חבר'טע און דעוו אַוועקגעגאַנגען און זענען נאָך נישט דאָ. איהר הערט שוועֶר אַז איך גיב אַ קוק אויף דעוו'ן און אויף לילען, ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך בין שוין אַן אַלטע יודענע, ווי לאַנג איז ערשט אַז זיי זענען פיצלעך קינדער געוועזען, אין זאַמד זיך געשפּיעלט, יעצט זענען זיי שוין גרויסע מענשען.

אהרן. אוי קינד, קינד, דער מענש דאַרף זיך קיינמאָל נישט פיהלען אַלט. אָט זעה מיך, דאַכט זיך עלטער פון דיר פונדעסטוועגען פיהל איך מיך אַלץ גוט אין כח, וואָס זאָגסטו משה צו דער אַלטער יודענע?

משה. וויים איך וואָס, אויך מיר אַן אַלטע יודענע, געה בעסער חנה'לע קאָך מיר אָב אַן אַלטע יודענע מיט מילך. טהע מיט מילך.

אהרן. חאַ-חאַ-חאַ, געה קאָך איהם אָב די מיידלעך מיט פוטער און אַן אַלטע יודענע מיט מילך. און וואָס נאָך?

משה. נו ביזטו מעהר חכם פון מיר, (קאָפּירט) זעה אַ האַנד, זעה אַ ברוסט אַ גאַנצער גבור חאַ-חאַ-חאַ.

אהרן. דו אַלטער לץ וואָס דו ביזט.

משה. דו יונג בחור'ל מיינס, גבור מיינער.

אַננאַ. נו שאַ שאַ, הערט אויף! זיי וועלען זיך נאָך היינט שלאָגען.

אהרן. ניין חנה'לע אַזעלכע קינדער ווי מיר שלאָגען זיך נישט. מיר קענען נישט מעהר לעבען איינס אָהן דעם אַנדער'ן, מיר זענען איין מענש איין נשמה. משה'לע, גוט קליין ברודער'ל מיינס (קושען זיך).

משה. פאַרוואָס רייצטו מיך און מאַכסט מיך בייז.

צווייטע סצענע.

— פריהעריגע, דעוו און ראָזאַ.

ראָזאַ. וואָס מאַכט איהר עפּעס בויטשיקלעך? ר' משה מיר האָבען נעכטען געוואַרט אויף אייך מיט'ן טאַנץ, פאַרוואָס זענט איהר נישט געקומען? איהר זענט מיר שוין אונטריי געוואָרען? מר. אָפּענהיים איהר ווייסט, דאָס איז דאָך מיין געליעבטער.

דעוו. יאָ איך האָב אַן אַפּעטיט, אַז איך וואָלט געגעסען אַ גוטען פריהשטיק מיט די אויגען.

אַננאַ. נו עסען איז אויפ'ן טיש. ראָזאַ וועט אויך מיטעסען, יעס?

ראָזאַ. נאָ, טענקיו, פּאַפּאַ וועט וואַרטען אויף מיר,

אהרן. ווינטער מאַך פלאַץ דער זומער איז דאָ.

משה. אַ ציגר זיך אָב די קאָרטען וועלען מיר מאַכען אַ טויזענד (צו ראָזאַ) דערלאַנג. וועסט שרייבען?

ראָזאַ. יעס סוויטהאַרט.

אַננאַ. און וואו האָט איהר ערגעץ געלאָזט לילין מיט מיין געליעבטען?

דעוו. מיר האָבען זיי פערלוירען אויפ'ן וועג.

ראָזאַ. נישט מיר האָבען זיי פערלוירען, נור זיי האָבען אונז פערלוירען. באַלד פון אָנפאַנג אָן זענען זיי אַזוי פערטיפט געווען אין אַ געשפּרעך, אַז זיי האָבען אפילו נישט בעמערקט ווי דעוו האָט מיך געוואָלט קישען, און איך האָב מיך נישט געלאָזט.

משה. דעוו האָט דיך געוואָלט קישען? איך בין אייפערזיכטיג אין צווייען: ערשטענס וויל איך נישט מ'זאָל קישען מיין געליעבטע, און צווייטענס וועט מיין לילי ברוגז זיין. מיר דאַכט זיך, אַז לילי האָט ליעבער דעם טאַטען ווי דעם זוהן.

אַננאַ. און אַז איך בין אַן אַלטע יודענע און האָב איהם ליעב.

ראָזאַ. איהר דאַרפט איהם ליעב האָבען, איהר האָט רעכט.

דעוו. לילי פערגעטערט פּאַפּאַ, זי זאָגט אַז זי הערט איהם שפּילען פערגעסט זי אין דער גאַנצער וועלט, ווען זי זעהט פּאַפּאַ ביים קלאַוויר, דאַכט זיך איהר אַז נאָט שפּילט און זיין שפּילען איז גלייך צו מלאכים'ס געזאַנג.

ראָזאַ. ווען איין פרוי זעהט אין אַ מאַן צופיעל גרויסקייט איז נישט קיין גוטער סימן. איהר ווילט אַז פרויען זאָלען אייך ליעב האָבען,

ווערט גרויס, ווערט בעריהמט, זייט אַנ'אַרטיסט, אַ מוזיקער, אַ פּאָעט, מיט איינעם ווערט זייט עפּעס פון וועלכען די וועלט קאָן רעדען און בעוואונדערען און איהר וועט זעהן, ווי איהר וועט אַלע חייבער אַרום פיהרען ביי דער נאָז.

משה. (זיפצט) ווי איז ערגעץ מיין נאָז?

ראָזאַ. מ'דאַרף מעלדען אין פּאָליציי, אַז עס איז פערפאַלען געוואָרען אַ נאָז.

אהרן. (כאַפּט איהם ביים נאָז) נאַ אָט האָסטו דיין נאָז (ביידע אָב).

דריטע סצענע.

~~אַננאַ, ראָזאַ~~ און לילי.

לילי. גוט מאָרנינג מיסיס אַננאַ, (קושט זי, צו די איבריגע) גוט מאָרנינג.

אַננאַ. וואו איז דער אָנקעל?

לילי. שפּאַצירט נאָך אַרום.

אַננאַ. נו וועל איך געהן מאַכען פריהשטיק פאַר מיין אַלטען, דו ועסט שוין עסען מיט'ן אָנקעל.

ראָזאַ. פאַרוואָס זאָל זי נישט בעסער עסען מיט דעוו'ן?

אַננאַ. מיט'ן אָנקעל איז געשמאַקער (אָב).

ראָזאַ. מיט'ן אָנקעל איז געשמאַקער? יעם לילי? נו איך געה אַ היים עסען.

לילי. ראָזאַ קום באַלד צוריק איך וואַרט אויף דיר.

ראָזאַ. אָללרייט וועסט אָבעסען זאָלסטו וואַרטען אויף מיר (אָב).

לילי. מיר האָבען דאָך געוואָלט איבערזינגען דעם דועט.

דעוו. נו נו לאָמיר זינגען.

לילי. אָבער איהר עסט דאָך יעצט.

דעוו. נו נו עס מאַכט נישט, איך וועל אָנפאַנגען צור צייט.

לילי. (זינגט איטאַליעניש)

וואָריי מאָריר קוואַנדראָ טראַמאָנטאָ איל סוליי.
קוואַנטאָ סול פראַטאָ דער מאַאולע מי אַלע.
מאַריי מאָריר מאָריי מאָריר.

דעוו. פע, וואָס פאַר אַ געוואַלדען זי מאַכט דאָרט. וואָס האָסטו זיך צובייזערט אויף איטאַליעניש?

לילי. איהר האָט דאָך געוואָלט איבערזינגען דעם דועט.

דעוו. יאָ, אָבער פאַנגט אָן פון דער אָבשיעד-סצענע און זינגט מיט'ן יודישען טעקסט. איטאַליעניש קען איך אויך אָבער איך ליעב בעסער דעם יודישען טעקסט.

לילי. אָללרייט! איינפערשטאַנדען (געזאַנג).

דעוו. אַך ווי שווער איז מיר דאָס שיידען.

לילי. אַך ווי שמערצליך זינד מיינע ~~ליידען~~.

דעוו. טהייער קינד יאָ גלויב עס מיר,
לעב וואָהל מיין הערץ בלייבט נור מיט דיר. (בים)

לילי. ניין ניין נישט געהן בעט איך ביי דיר.
איך שטאַרב אויף דעם אָרט יאָ גלויב עס מיר.

דעוו. נור מוטה יונגעס בלוט קיין האָפנונג פערליר
יאָ איך שווער איך געהער נור דיר נור דיר.

ביידע: ניין ניין ניט געהן בעט איך ביי דיר
איך שטאַרב אויף דעם אָרט יאָ גלויב עס מיר
נור מוטה יונגעס בלוט קיין האָפנונג פערליער
יאָ איך שווער איך געהער נור דיר נור דיר
מיינע זעעלע דאָ לאָז איך איבער ביי דיר
דאָס קענסטו היילינג יאָ גלויבען מיר
אויפס ווידערזעהן, אויפס ווידערזעהן, אויפס ווידערזעהן!
ליעב מיך נור פיעל ליעב אין דער שטיל
דער ליעבעס טראַנק ער שמעקט זאָ זיס
קום שוין צו מיר איך וואַרט אויף דיר
אָ ליעבעס פּאַראַדיז...

דעוו. איך קען ניט ניין איך מוז לײַדער פון דיר יעצט געהן

ביידע: (בים) האָפנונג זיסע, נור דו אַליין,
שטילען קענסטו אונזער געוויין,

לילי. געה מיט גאָט, געה מיט גליק און מיין זעגען נעם מיט דיר

דעוו. לעבע וואָהל, לעבע וואָהל, און מיין הערץ בלייבט מיט דיר

ביידע: האָפנונג זיסע, נור דו אַליין,
שטילען קענסטו אונזער געוויין. (בים)
לעבע וואָהל, לעבע וואָהל, לעבע וואָהל.
האָפנונג א. אז. וו. (טאַנצען אָב).

פירטע סצענע.

אהרן, משה.

אהרן. אצינר וועלען מיר מאכען א טויזענד.

משה. אוי וועל איך איהם היינט אבהרגענען... זאלסט נאר נישט מאכען דאס פעקעל! און מאך נישט קיין שקרות הערסט?

אהרן. איך בין נישט קיין פעקעל מאכער און איך מאך נישט קיין שקרות.

משה. שא שא, דאס בעסטע דיין שנור זאל מאכען א גלעזעלע שקרות... טהע.

אהרן. חנה'לע זיי אזוי גוט און גיעב אריין 2 גלעזלעך שקרות.

משה. טהע, טהע. (סצענע אהרן טיילט קארטען) זעה נאר אהר'עלע איך האב דאך 9 קארטען.

אהרן. וואס הייסט דו האסט 9 קארטען, האסט שוין געמאכט א קינצעל? מיר זאגט ער איך זאל נישט מאכען קיין שקרות און אליין מאכט ער די קונץ.

משה. איך האב געטיילט קארטען? צו דו? נור ער טשעפעט זיך, גיב נישט קיין 9 קארטען וועסטו נישט דארפען איבערמישען און מאך מיך נישט פאר קיין גנב, א קינצעלע האב איך געמאכט. (טיילט נאך אמאל קארטען).

אהרן. איצט האסטו נישט קיין 9 קארטען.

משה. ריכטיג 6 קארטען, נו, יעצט שרייב מיר אויף א גלעזעלע 40 טהע.

פינפטע סצענע.

פריהעריגע, ראזא.

אהרן. אט איז דא אונזער בולהאלטערקע, ראזא זיי אזוי גוט און שרייב אויף א גלעזעלע 40.

ראזא. מיט מילך אדער מיט לימאן? (קוקט אין משה'ס קארטען)

אהרן. (ווארפט אוועק א קארט) אוי משה'לע איך האב דאך נאר 5 קארטען.

משה וואס הייסט 5 קארטען?

אהרן. זאג נאר ראזא, אז ער האט געהאט 9 קארטען איז מיין פעהלער?

משה. זאג נאר גוטער ברודער האסט נישט ערגעץ אוועקגעווארפען א קארט (סצענע מ'וולט און מ'געפינט)? זעה נאר ראזא וואס א יוד פערגינט זיך לאזט זיך וואלגערין א דאמע ביי די פיס, אט האסטו 6 קארטען און שפיל! אזא שקרות'ניק.

ראזא. שפילט עהרליך קינדערלעך, וועלען אייערע קינדער אויך עהרליך שפילען.

אהרן. וואס האסטו געזאגט א 40, נעם איך א היים און זאג א 60.

משה: אוי!

אהרן. וואס איז?

ראזא. גארניש א מייזעל איז דורכגעלאפען.

אהרן. נו מעק אלץ אויס, און מיש איבער די קארטען, (גיט קארטען).

משה. זעהסט ראזא ווען איך האב דריי דאמען, וואלט איך געהאט א 40 און א 60 און א 80.

ראזא, וואס טויג אייך דריי, איינע האט איהר וועהניג?

זעקסטע סצענע.

פריהריגע, היימי.

ראזא. אוי היימי גוט וואס דו ביזט דא, זאג נאר וויפיעל טייז איז דא אין א פעשעל קארטען.

היימי. וויל איך דיר נישט זאגען.

משה. וואס שפרינגסטו וואס? (אלטע אב).

ראזא. דו ענטפערסט צו ניין?

היימי. לאז מיך אב איך בין בעז.

ראזא. אללרייט, גוט ביי.

היימי. ראזא!

ראזא. איך האב געוואוסט ער וועט מיך צוריקרופען.

היימי. פארוואס האסטו דאס געטהון?

ראזא. פאר ליידענשאפט נארעלע, א ליעבע דארף ברענען און אז ס'ברענט נישט טויג נישט.

דוּעֶט.

הײמי. הײסט דאָס אַ ליעבּע פֿרעג איך דיך?
דו האָסט אויף מיר גאָר קײן רחמנות און פֿערשאַפֿסט
מיר יאָ פֿיעל יסורים.

ראָזאַ. די ליעבּע בּרענט און פֿלאַקערט אין מיר אַזוי שטאַרק,
אַז איך האָבּ געוואָלט פֿערבּרענען דעם שיר השירים.

הײמי. דעם שיר השירים ווען דו זאָלסט פֿערשטעהן וואָלסטו
געוואוסט ווי צוהאַלטען ער מוז דאָך זײַן יאָ זעהר הײַליג.

ראָזאַ. דעם גאַנצען שיר השירים שענק איך דיר אַוועק,
איך בּין דיר מוחל און וויל אין איהם גאָר קײן חלק.

הײמי. אויבּ דו ווילסט וויסען ווי איך ליעבּ דיך הער מיך אוים,
נור אײן מינוט, עס וועט דיר שמעקען יאָ זעהר גוט.

ראָזאַ. לאָמיר זעהן ליעבּע ערקלער און מאַך מיר אַפּעטיט.

הײמי. ליעבּ מיך נור פֿיעל, ליעבּ אין דער שטיל
דער ליעבּעס טראַנק ער שמעקט זאָ זיס.

ראָזאַ. עס געפֿעלט מיר נישט אַזוי, ס'איז אַ ליעבּע פֿון אַ גוי,
דאָס פּאַסט דאָך נישט פֿאַר דיר,
ווילסטו מיך געוואונען, מוזטו בּאַלד געפֿונען,
אַ שענערע ליעבּע פֿאַר מיר.

הײמי. ליעבּ און ווער נישט מיעד, זינג אַ ליעבּעס ליעד.

ראָזאַ. געה שוין פֿון מיר, איך לאַך פֿון דיר,
דאָס האָבּ איך געהערט נאָך פֿריהער.

הײמי. וואָס ווילסטו איך זאָל פֿאַר דיר קניען?

ראָזאַ. נײן נײן מײַן ליעבּער זוהן, איך האָבּ ליעבּ אַ ליעבּע
ווי מײַן טאַטע האָט געטהון.

בּײדע: פּיצעלעך קינדערלעך ליעבּען זיך קינדיש נאַאיוו,
יונגעלעך, מײדעלעך ליעבּען זיך פֿון הערצען זאָ טיעף,
טאַטעלעך, מאַמעלעך האָבּען אַנ'אַנדער בּעגריף,
ווײַל דיך געהער איך, הײַליג זאָ שווער איך
מיך נור דײַן קעצעלע רוף. (טאַנצען אָבּ).

זיעבּענטע סצענע.

לסאָן און לילי.

לסאָן. ווי ערהאַבּען ווי שעהן עס איז צו בּעגעגענען אַ הערלי-כען פֿריהמאָרגען מיט זיסע הימלישע מוזיק.

לילי. וואונדערבּאַר ערהאַבּען, אַ ליכטיג שענע וועלט, אַ גרוי-סער שענער וואַלד, אַ קלאָר שטיל טײַכעלע, אַ וואַרעמע זון, בּלומען, מוזיק. ווי רײַצענד ווי ערקוויקענד.

לסאָן. ווי לײַכט דו ווערסט בּעצויבּערט.

לילי. ווי זאָל מען נישט בּעצויבּערט ווערען אָנקעל ווען מען הערט דיך שפּיעלען, דו בּיזט דאָך די נשמה פֿון דער מוזיק. אַלעס וואָס דײַנע גרויסע אויגען זעהן, יעדער שאָרך וואָס דײַן אויער פֿערנעמט, אַלעס וואָס דײַנע שלאַנקע פֿינגער בּעריהרען, ווערט בּאַלד פֿערוואַנ-דעלט אין טענער זיסע קלינגענדע מוזיק, אָבּער וואָס פֿאַר אַ געוואָנ-הײַט דו האָסט צו האַלטען צוגעמאַכט די אויגען ווען דו שפּיעלסט.

לסאָן. איך פֿיהל דאַן בּעסער און זעה דאַן בּעסער, איך זעה אַ קלײַן טײַכעלע אין מיטען אַ קלײַן שיפֿעלע אין וועלכע עס זיצען 2 ליבּענדע הערצער און פֿולען אָן די לופֿט מיט זיסע מעלאָדיען, אַרום זײ איז אַלעס גרין, עס בּליהט דער מאַי, עס איז זײער פֿריהלינג, זײער יוגענד... יעס, יעס, איך שפּיעל בּעסער מיט פֿערמאַכטע אויגען.

לילי. און איך גראַדע פֿערקעהרט, איך קען נישט צומאַכען די אויגען ווען איך שפּיעל, איך מוז פֿאַר מיר זעהן די גאַנצע וועלט.

לסאָן. אַך ווי צײַטענווײַז שרעקט מיך דער געדאַנק, אַז פֿילײַכט וועל איך מײַנע אויגען...

לילי. אָנקעל...

לסאָן. לאָמיר דאַפֿון ניט רעדען, מיר ווערט בּעסער מיט יעדען טאָג, פֿון דער מינוט אָן וואָס דו בּיסט אַהער געקומען איז אַלעס אַרום מיר אַזוי ליכטיג, אַזוי וואַרעם.

לילי. לסאָן!

לסאָן. ווי דו דריקסט מיר מײַן האַנד: זאָג וואָס בּיסטו געקומען אַ הער? מיך מאַטערען? מיך קוועלען? דאָס ליכט פֿון מײַנע אויגען מיר רויבּען? מיך צוא וואַהנזין טרײַבּען! סירענאַ דו שלעפּסט מיך צום אָבּגרונד אַוועק.

אכטע סצענע.

פריהעריגע, דעוו.

דעוו. וואָס איז געשעהן?

לאָן. גאָרנישט, דאָס ליכט פון דער זון איז אביסעל צו שטאַרק. (אָב)

דעוו. ווי וואונדערשען איהר האָט היינט ביידע געשפּיעלט אויף דער פּיאַנאָ, איך פערגעס אין דער גאַנצער וועלט ווען איך הער אייך ביידע שפּיעלען, מ'דערקענט גאָרנישט אז עס שפּיעלען צוויי, איין טעכניק, איין גייסט. איהר ווערט עפּעס דאַן ביידע ווי איין מענש.

לילי. ווירקליך, חאַ-חאַ-חאַ זעה נור דעוו דו ביזט היינט ווירקליך זעהר שען, באַלד אַזוי שען ווי דיין פּאַפּאַ, אָבער דאַרפסט זעהן עפּעס ווערען, זיי אַ גוט בוי וועל איך דיך ליעב האָבען.

דעוו. און איך האָב דיך שוין ליעב, איך קען אָהן דיר נישט לעבען, איך בעט דיך לילי, מאַך מיך גליקליך און ווער מיינע (אומאַר-מונג) לילי איך האָב דיך אַזוי ליעב.

ניינטע סצענע.

פריהעריגע, ראָזאַ שפּעטער משה [illegible] אהרן.

ראָזאַ. לילי, עקסקיוז... (וויל אָב).

דעוו. ראָזאַ איהר קענט דאָ בלייבען, זיצט.

ראָזאַ. טענקיו, איהר קענט אויך זיצען און דו לילי קענסט אויך זיצען, (סצענע מיט'ן בענקעל) דאַכט זיך, אז ער זיצט נישט אין אָרדנונג, אפשר בריהט איהם ערגעץ דאָרט.

לילי. יעס, בעסער מיר זאָלען זיך ערקלערען, מיין קוזין דעווי איז פּלוצים צו מיר געקומען ווי אַ קינד און זאָגט מיר, לילי איך האָב דיך ליעב, מאַך מיך גליקליך און ווער מיינע.

ראָזאַ. און ערשט נישט לאַנג איז ער צוגעקומען צו מיר נישט ווי אַ קינד, נאָר ווי אַ מאַן און זאָגט מיר ראָזאַ וואָס פאַר אַ וואונדער-שען בעשעפעניש דו ביזט און כאַפּט מיך אַרום און שרייט איך האָב דיך ליעב.

דעוו. אָבער לאָזט מיך פריי.

ראָזאַ. ס'איז אַ ליגען! לאָזט מיך פריי, האָב איך געזאָגט.

לילי. נו וואָס וועט איהר עפּעס זאָגען נוטס?

ראָזאַ. נו לאָמיר הערן אַ גוט וואָרט.

דעוו ווער קען זיין אַ חכם און וויסען וועלכע אויסצוקלויבען, אז מען בעגעגענט אַ ראָזאַ מיט לילי צוזאַמען.

(זינגען טערצעט)

דעוו. וואָס ווילט איהר פון מיר,
וואָס איז צו טהון זאָגט מיר.

ראָזאַ און לילי: ביידע וועלען מיר דאָ הערען,
אויף דער שטעלע ערקלעהרען.
ליעבסטו זי, צי ליעבסטו מיך,
גיב ענטפער נאָר אויף גיך.

ראָזאַ. ענטפער מיר, נו גיב לשון.

דעוו. איך שטעה ווי דול,
איך ווייס נישט וואָס איך וויל,

ביידע: וואָס דו ווילסט דאָס וויסען מיר,
מיין שעהנער יונגער קאַוואַליער.
ווילסט ווייבער אָהן אַ שיעור,
ווילסט שלמה המלך זיין,
וועמען ווילסטו זאָג שוין גיך.
וועסט זיך נישט אַרויסדרעהען,
ווילסטו זי, צי ווילסטו מיך,
נישט דרעהען דעם קאָפּ אין צווייען.

דעוו. איך האָב פאַר אייך אַ גוטען פּלאַן,
ביידע וועט איהר צופריעדען זיין.

לילי. נו זאָג, נו זאָג, וואָס איז דער גוטער פּלאַן!

דעוו. די אויגען וועל איך אייך פערבונדען
אין דער פינסטער זאָלט איהר טאַפּען
און מיט דער וועל איך מיך פערבונדען,
ווער פון אייך עס וועט מיך כאַפּען.

ביידע: חאַ-חאַ-חאַ, דאָס איז אַ פּלאַן גאָר אַ גערעכטער,
חאַ-חאַ-חאַ, איך קאַטש זיך גאָר אויס, אוש פאַר געלעכטער.

דעוו. נו קומט אַ הער.

לילי. אָט בין איך דאָ.

ראָזאַ. האַ-האַ-האַ, דאָס איז נישט שלעכט,
לאַפּען וועל איך דאָ באַלד אַ העכט,
וואו איז ער, וואו איז ער.

לילי. צו געפונען איז איהם שווער.

(עס טרעטען אויף משה און אהרן. זיי לאַפּען די אַלטע)

ביידע: איך האָב איהם,
איך האָב איהם.

אַלע: נישט הערען קיינעם,
אַלע אינאיינעם,
וועלען מיר טאַנצען שען, יאָ זעהר שען,
ווי קאַוואַליערען,
אַלע שפּאַצירען
אויף דער פּראָמענאַדע געהן.
יאָ געהן שטופּען און לאַכען
און חוזק מאַכען,
וועלען מיר אַלע ווי אונז געפעלט.
יונג און אַלט,
וועלען מיר באַלד, (ביס)
לאַכען פון דער גאַנצער וועלט. (טאַנצען אָב)

צעהנטע סצענע.

אַננאַ און **לעאָן.**

לעאָן. די יוגענד, די זיסע יוגענד לעבט אויף, די געפיהלען וואָס זענען שוין בעדעקט מיט אַ דינעם פּראָסט פון עלטער, לעבען ווידער אויף.

אַננאַ. לעאָן איך האָב דיך נאָך היינט ביינאַהע נישט געזעהען. איך האָב געוואָלט מיט דיר רעדען וועגען אונזער קינד.

לעאָן. וואָס איז מיט אונזער קינד?

אַננאַ. גאָרנישט חלילה, נור אַלץ וועגען לילי.

לעאָן. לילי? וואָס וויל זי נאָך דאָ, זאָל זי אַ היים פאָהרען, איך דאַרף דאָ קיינעם נית, מ'שטערט מיך נאָך אין מיינער אַרבייט, מ'רויבט מיר מיין רוה. אַננאַ ווען דו זאָלסט נור זיין שטענדיג נעבען מיר, דו זאָלסט כיך נישט אויף איין מינוט פון דיר אָבלאָזען, איך

דענק אַננאַ אַז מיר אַלע, דאָס קינד און דער אַלטער פאָטער, מיר זאָלען זיך קענען בעזעצען ערגעץ אין אַ קליין שטעדטעל און נישט מעהר צוריקפאָהרען קיין ניו-יאָרק, איך וועל געבען לעקציאָנען, מיר וועלען זיך לעבען אַלע 4 צוזאַמען, עס וועט נישט זיין קיין שטן וואָס זאָל אונזער פאַמיליען גליק צושטערען.

אַננאַ. לעאָן מיין מאַן וואָס איז מיט דיר? איך זעה עפּעס פרעסט דיין הערץ, פערטרויע עס מיר, דיין אַננאַ, איך בין בערייט מיט מיין לעבען דיינע שמערצען צו לינדערען. (לילי זינגט)

לעאָן. איך ווייס עס אַננאַ איך ווייס עס!... אַ ווי איהר זינגען צושרויפּט מיר מיינע נערווען, פאַלשע טענער, פאַלשע נאָטען, זאָל זי אויפהערען.

אַננאַ. ליליטשקע הער אויף זינגען דו שטערסט דעם אָנקעל. (לילי לאַכט).

לעאָן. זאָל זי אויפהערען לאַכען (כאַפּט זיך פאַר די אויגען).

אַננאַ. לעאָן וואָס איז מיט דיר? די אויגען? דו ווילסט זיך גאָר נישט אָבהיטען? דו האָסט גאָרנישט קיין רחמנות אויף דיר?

לעאָן. איך וויל נישט זאָלסט מיך אַזוי צערטלען,

אַננאַ. איך פערגעס אַלע מאָל, נו זיי מיר מוחל.

לעאָן. איך זאָל דיר מוחל זיין, ווען נישט דו ווער ווייסט וואָס וואָלט שוין לאַנג אויס מיר געוואָרען.

אַננאַ. קאַפּריזנע ווי דאָס וועטער, אָט שיינט די זון און באַלד קומט אַ רעגען, (לילי זינגט) לעאָן וועסט נישט בעז ווערען, אונזער קינד ליעבט זי... לאָמיר איבערעדען מיט'ן אָנקעל.

לעאָן. איך דענק דאָס וואָלט געווען דאָס גלייכסטע, איך בין אַ מאָל געוועזען דאַגעגען, נור בעסער אַזוי, בעסער אַזוי, שיק מיר אַריין לילין, ניין איך מיין דעם'ן, אָדער גאָר דעם אָנקעל, שיק מיר אַריין ווען דו וועסט טרעפען און מיר וועלען איבערעדען.

אַננאַ. איך שיק שוין אַריין דעם אָנקעל. (אָב).

עלפטע סצענע.

~~לעאָן, לילי [illegible]~~

לילי. איך האָב געמיינט, זיידע! (וויל געהן)

לשאָן. לילי זעהר גוט וואָס דו ביזט דו, מיין אננא האָט יעצט וועגען דיר גערעדט, מיין דעוו ער ליעבט דיך.

לילי. נו וואָס קען איך איהם העלפען?

לשאָן. ליעב איהם.

לילי. איך בין נישט פעהיג זיך צו פערליעבען אין קינדער, א מאַן אין דעווים יאָהרען איז נאָך א קינד ווערהענד א מעדכען אין זיינע יאָהרען איז שוין א פרוי און אויב עס איז אמת, אַז ער ליעבט מיך, איז עס נאָך נישט קיין בעוויז, אַז איך דאַרף איהם ליעבען, פונקט ווי דער, וועמען איך ליעב איז נישט געצוואונגען, אַז ער זאָל מיך ליעבען.

לשאָן. דו ליעבסט יעמאַנדען?

לילי. דו ווייסט עס, דיך ליעב איך.

לשאָן. און דו זאָגסט עס מיר אַזוי פריי, אַזוי אָפען, איז גאָר קיין זאַך נישטאָ וואָס זאָל דיך מאַכען דענקען און איבערלעגען.

לילי. דענקען, איך האָב נישט וואָס צו דענקען, איך ליעב דיך.

לשאָן. דו ביזט א גענויאַל פערבּרעכערישער טיפּ אין א פרויענצימער, אַך ווען מיין געזונד זאָל מיר ערלויבען, וואָלט איך יעצט געשריבען עטוואָס ערהאַבענעס, עטוואָס פרעהליכעס, אָבער ניין איך גלויב, אַז צוזאַמען מיט מיין געזונד, פערלאָזט מיך מיין טאַלענט. איך, איך בין נישט מעהר דער וואָס איך בין געוועזען.

לילי. ניין, ניין דאָס איז נישט אמת, דו ביזט גרעסער ווי אַמאָל, 6 יאָהר ווי איך קען דיין שפּיעלען, אין א געוויסען אָבענד אין פילאַדעלפיע האָב איך דיך שפּיעלען געהערט, 12 יאָהר בין איך אַלט געוועזען דאַמאָלס און ווי יונג איך בין געוועזען, בין איך געשטאַנען ווי בעגייסטערט אונטער דער טיר, איך האָב מיך צו דיין שפּיעלען צוגעהערט. און שוין דאַן האָב איך דאָס געפיהל אין מיין קינדיש הערצעלע דערוועקט.

לשאָן. ניין, דו זעהסט אין מיר אַזוינס, וואָס איך בעזיץ נישט.

לילי. ניין ניין, דו ביזט פונקט אַזוי גרויס ווי איך ליעב דיך.

לשאָן. הער אויף, הער אויף.

לילי. דיינע אויגען טהוען דיר וועה?

לשאָן. וואָס מאַטערסט דו מיך? וואָס קוועלסט דו מיך! אוי ווי

וואָלט איך יעצט געוואָלט אַנטלויפען ווייט, ווייט פון אַלע און פון זיך אַליין, דיזע לאַנגע 4 ווענד, האַלט ווי מיט אייזערנע צוואַנגען צוזאַמענגעדרוקט מיין גייסט. מיין שטרעבען, מיין לעבען, איך וויל אין דער וועלט אַריין, בעטרונקען ווערען פון רוה, גלאַנץ און עהרע און ווייסט דו, ווי אַזעלכע ווערטער, ווי דיינע ווירקען אויף מיר, ווי דיין געשטעהן אַז דו ליעבסט מיך בעלוישט מיין אַלטען קאָפּ אָט די חיה, וועלכע זיצט ביי דיר ווייסט גוט, ווי איהרע שאַרפע נעגעל אַריינצוגראָבען, פערוואונדען מיין הערץ, פערבלוטיגען מיינע געפיהלען און פערבלענדען מיינע קראַנקע אויגען. דו האָסט געוואָלט מיינע ליידען זעהן, נו דו זעהסט עס, דו זעהסט עס! אַוועק! (גיט זי א וואָרף, וויינט) לילי, וואָס איז מיט דיר? דו וויינסט? נישט וויינען מיין קינד, איך קען דיינע טרערען נישט זעהן, איך קען נישט זעהן ווי דו ליידסט... ווי יונג, ווי שעהן און עס ליעבט מיך... מיך... מיט דיר אַליין, וויל איך זיין, מיט... דיר... אַליין...

לילי. יעס, יעס.

לשאָן. איך וועל מיך אָנטרענקען, זאַט אָנטרונקען פון דעם בעכער פון גליק, פון בעכער פון ליעבע, דאַן וועל איך דיך אין וואַסער אַריינוואַרפען און דיך דערטרונקען.

לילי. דערטרענק מיך, פון דיינע הענד וויל איך שטאַרבען, ליעב איז מיר ביי דיר דאָס לעבען, ליעב וועט מיר אויך זיין פון דיר דער טויט, נור פריהער שפּיעל עפּעס פאַר מיר, דו גרויסער מייסטער.

לשאָן. יאָ איך וועל שפּיעלען, קענסטו דעם צווייטען אַקט פון מיין אָפּער, האָסט געהערט די ווילדע פערצווייפעלטע טענער פון דעם מאַן, וועלכער פערליעבט זיך אין זיין זוהנס כלה? האָסטו געהערט דעם ברויזענדען שטורם אין אָרקעסטער, וועלכער דריקט אויס א הייסע ווילדע און ליידענשאַפטליכע ליעבע פון א פרוי ביז צום וואַהנזין פערליעבטען מאַן? און האָסטו געהערט די צובראָכענע מעלאָדיע, ווי עס בעט ביי איהר קינד, איך האָב דיך ליעב, איך האָב דיך ליעב, ווי קיין מענש אין דער וועלט איז נישט אומשטאַנד אַזוי צו ליעבען? אָבער איך בעט דיך, לאָז מיך אָב, אַנטלויף פון מיר, נעם אַרויס דיינע שאַרפע נעגעל פון מיין לייב, דו שפּיעלסט יעצט די ראָלע פון דער העלדין, וועלכע האַלט פעסט דעם אַלטען פערליבטען אין איהרע

טיִנגערשע לאַפּעס, דו זאָלסט אָבער די ראָלע ביִז צו ענדע שפּיִעלען.
מיִט מיִר אַליין, דו מוזט מיינע זיין...

דקאָן. (קומט אריין)

ליִליִ. ניין ניין, איִך קען אזא ראָלע ניִשט שפּיִעלען.

לקאָן. אַננאַ מיין פרוי, מיין בוי. (פּאָזיִציאָן)

פאָרהאַנג פאַלט.

דריטער אקט.

אַ רעסטאָראַן, — עס הערט זיך פאָר אונטער די קוליסען.

ערשטע סצענע.

היימיִ ראָזאַ, מיידלעך.

מיידלעך. וואַס? איִז שוין געענדיִגט די אָפּערע?

היימיִ. יעצט געענדיִגט דעם צווייטען אַקט.

ראָזאַ. מ'שפּיִעלט שוין געוויִס דעם דריִטען אַקט.

אַ מיידעל. נו, און עס נעמט אוים?

היימיִ. מ'האָט אַרויִף דערלאַנגט 66 בלומען בוקעטען נאָכ'ן ערשטען אַקט.

ראָזאַ. (שלעפּט זיין ארבעל) האָסט ניִט גוט געצעהלט היימיִ. ס'איִז נור געווען 65.

היימיִ. 84 מאָל האָט מען געמוזט איִבערזיִנגען דאָס ליִעד דער ליִעבע.

ראָזאַ. נור 83 מאָל.

היימיִ. 77 מאָל האָט מען דעם קאָמפּאָזיִטאָר ארויסגערופען.

ראָזאַ. היימיִ, אום גאָטעס וויִלען, לאָז עפּעס נאָך.

היימיִ. די ביִהנע איִז מיִט בלומען בעלאַגערט, אַ האַלב טעאַטער איִז הונגעריִג געוואָרען שרייענדיִג. 60 מענשען זענען פאַר בעגייסטערונג משוגע געוואָרען.

ראָזאַ. ער איִז איינער פון די 60.

היימיִ. איי טעט, אַ דאָס איִז געווען וואָן טו טריִ, אַ טאַנץ און אַ שפּרונג, און דעם'ס אָל.

ראָזאַ. און דער טענאָר האָט געגעבען אַ זיִנג אַז אַלע לאָמפּען זענען אויסגעלאָשען געוואָרען.

היימי. דער פינאל פון צווייטען אקט האט מיך אזוי צו נומען אז איך האב אזש א קאפ שווינדעל בעקומען.

ראזא. ווען ער זאל נאך זיצען ביים דריטען אקט ווערט ער אין גאנצען משוגע.

היימי. די פרימאדאנא דארט האט אזוי זיס געזונגען אז יעדער האט געהאט אנגעפיהלט א פול מויל מיט קאנפעקטען. אם שענסטע איז געווען דער טאנץ.

ראזא. דו וואלסט געקענט נאך טאנצען דעם טאנץ? איך וואלט צוואר געקענט נאך טאנצען, איך זאל נור האבען מיט וועמען.

היימי. איך קען יעדער פיגור.

ראזא. לאמיר זעהן,

היימי. ראזא געהט עס! (זיי זינגען).

ער. זאג מיר ליעבסטו מיך?

זי. יא יא, איך ליעבע דיך.

ער. שווער מיר.

זי. איך שווער דיר. שווער מיר!

ער. איך שווער דיר.

(בים)

ביידע. אז טריי בלייבען מיר איינס דעם צווייטען.

ביידע. מיר זענען ביידע נור פון גאט אפאר,

אויף אונז ביידע טאקע אזא יאהר,
מיר וועלען לעבען ביידע אין פריידען,
קיינער וועט אונז קיינמאהל נישט צושיידען.

(בים)

צווייטע סצענע.

אויפטריט דעוו.

דעוו. ראזא, מיס נײמאן פליס, איך וויל מיט אייך רעדען אפאר ווערטער פריוואט.

ראזא. היימי עקסקיוז מי פאר א פאר מינוט.

היימי. מען טאר ניט.

ראזא. היימי, איך וועל בעז ווערען, נו וואן טו טרי.

היימי. אז מיין מיידעל הייסט דארף מען פאלגען. מ"ר דעוו, איך האלט אייך פאר א גוד בוי און איך פערטרוי אייך, נאר געדענקט, דאס איז שטרענג פערבאטען און מ'טאר ניט. (אב).

ראזא. מיין גאט! וואס זענט איהר אזוי אויפגערעגט.

דעוו. אה ראזא! עס קען ווייטער אזוי נישט געהן, איך וועל עס ניט אויסהאלטען, האט איהר אמאל געהערט פון א פאל ווי א זוהן טרעט אויף געגען א טאטען? איז עס מעגליך אז א זוהן זאל עפענטליך ערקלעהרען פאר דער גאנצער וועלט אז זיין פאטער איז... אה ווי העסליך ווי אבשייליך איז דאס לעבען.

ראזא. (אפארט) די געשיכטע הויבט אן צו ווערען אינטערעסאנט! לאמיך שוין הערען וואס האט אזוינס פאסירט.

דעווי. דאס שרעקליכסטע וואס איהר קענט אייך נור פארשטעלען, דאס אונבעגרייפליכסטע וואס א מענשליכע פאנטאזיע קען נור אויסקלעהרען איז אין דער ווירקליכקייט געווארען.

ראזא. איך פערשטעה ניט וואס איז אזוינס געשעהן.

דעוו. אוי אוי וואלט איך אייך געוואלט ערקלערען, זאגען, ערצעהלען וואס עס פרעסט מיין הערץ, וואס עס פלאגט מיין מח. אבער איך קען ניט, איך קען ניט.

ראזא. און ווי וועט זיין, אז איך וועל אייך יא זאגען דאס וואס איהר קענט ניט זאגען.

דעוו. ווי? איהר מערקט אייך?

ראזא. נישט איך מערק מיר, נאר איך ווייס.

דעוו. אויך איהר האט עס געזעהן?

ראזא. פריהר פון אייך.

ראזא. איך האב מורא עס זאל נישט קומען צו קיין טראגעדיע אין אונזער פאמיליע, מיין גוטע מאמעניו דארט, זי זאל עס נישט ערפאהרען.

ראזא. הערט דעוו, איך האב שוין לאנג בעמערקט אז צווישען פאפא און לילי געהט עפעס פאהר. און אבוואהל איך האב לילין איינינע מאהל געגעבען צו מערקען אז איך פערשטעה זי. דאך האב איך ניט געוואלט די יעניגע זיין, וואס זאל שטערען דעם פריעדען אין א פאמיליע. אבער אז אייערע אויגען זענען שוין געעפענט, וועל איך אייך זאגען: דעוו! מ'דארף זעהן עפעס צו טהון.

דעוו. גיט מיר אנ'עצה וואס זאל איך טהון? איהר זייט איהר פריינדין, מיידלעך רעדען זיך דאך אמאל אוים,

ראזא. אזעלכע זאכען זאגט מען ניט אוים, דאך זאגט מיר די ווארהייט: איהר האט זי ליעב?

דעוו. אָבוואָהל אַ סצענע וועלכע איך האָב דעם לעצטען זומער בייגעוואָהנט, האָט מיר די אויגען געעפענט, איך זאָל זעהן ווער זי איז דאָך מוז איך געשטעהן, צו מיין גרויסע שאנדע, אַז איך ליעב זי נאָך. ראָזאַ, איך ליעב זי אַזוי שטאַרק, אַזוי הייליג, אַזוי ערהליך. און מיין אייגענער פאָטער אוי...

ראָזא. דעוו, איהר מוזט הייראַטען לילין זאָ שנעל ווי מעגליך דאָס איז דער איינציגער אויסוועג.

דעוו. און זי וועט עס וועלען?

ראָזא. דאָס לאָזט פאַר מיר (מהערט לילין רעדען) שאַ זי איז דאָ. ציהט אייך אַ מינוט צוריק דאָרטען צווישען די געסט, איך וועל מיט איהר רעדען.

דעוו. ראָזאַ טייערע, ווען ניט פאַר מיר טהוט עס צוליעב מיין אָרעמע מיזמעניו. (אָב)

דריטע סצענע.

~~ראָזא~~ און לילי.

לילי. אָ ראָזאַ, ביזט אַליין?

ראָזא. ניין, היימי, דעוו זענען אויך דאָ.

לילי. אַזוי צו אַנטלויפען אַליין. מ'הסתם געהאַט וויכטיגעס צו רעדען.

ראָזא. מיסס לילי, מיר האָבען געהאַט וויכטיגעס צו רעדען.

לילי. דעוו איז שטאַרק פערליעבט.

לילי! נו אויב ער האָט דיך אַזוי שטאַרק ליעב, האָט מען נחתונה.

ראָזא. ניט אין מיר, אין דיר איז ער פערליעבט.

לילי. ווילסטו אפשר זיין אַ שדכ'נטע.

ראָזא. יעס.

לילי. איך האָב אָבער איהם ניט ליעב.

ראָזא. איך ווייס אַפילו פאַר וואָס?

לילי. פאַר וואָס?

ראָזא. ווייל דו ביזט פערליעבט אין זיין פאָטער.

לילי. ראָזאַ!

ראָזא. הער לילי, מיסיס אָפענהיים איז אַ זעלטענע גוטע פרוי!

האָט איהר גאַנץ לעבען אוועקגעגעבען פאַר איהר מאַן, פאַר איהר קינד, דו ביזסט פאַסט אויף איהרע הענד אויפגעצויגען, און זי פער-דינט נישט אַז דו זאָלסט איהר הערץ ברעכען. לילי, איך ווייס אַלעס.

לילי. אָה ראָזאַ, ווי ווייניג דו פערשטעהסט מיך. איך האָב ליעב מיין אָנקעל. איך פערגעטער איהם. ווען איך הער איהם שפיע-לען, וואָלט איך איהם מיין נשמה אַוועקגעגעבען, ער איז מיין אידעאַל, מיין גאָט צו וועלכען איך בעט! און דאָך בעגעה איך קיין פערברע-כען דערמיט, און קיינער האָט קיין רעכט מיך צו בעשולדיגען.

ראָזא. וואָסזשע, עס קומט דיר נאָך אַ קיש אין פיסקעל אַריין?

לילי. אָה ווי פאַלש, ווי שלעכט איהר פערשטעהט אַזאַ ליעבע.

ראָזא. איך בין נישט קיין פילאָזאָפקע, איך ווייס פשוט, אַז דו ווילסט צונעמען זיין ~~מוטערס~~ מאַן.

לילי. איך שווער דיר, אַז נישט, מיין ערהענוואָרט,] איך מיין גאָרנישט דערביי.

ראָזא. וואָס הייסט דו מיינסט נישט? וואָס דערצעהלסטו מיר פון אַ אידעאַל, פון גאָט און נאָך אַזעלכע זאַכען, איך בין אַ פראָסט מיידעל, איך] פערשטעה נישט קיין חכמות, איך מיין, אַז מען האָט ליעב מיינט מען עפעס דערביי! ליעבען און גאָרנישט מיינען, דאָס פערשטעה איך נישט.

לילי. ראָזאַ! מען טאָר נישט יעמאַנדען אומזיסט בעשולדיגען.

ראָזא. „מ'טאָר ניט", אויף יעדער דומהייט, האָט איהר אויס-געקלעהרט דאָס וואָרט מ'טאָר ניט און ווי עס קומט צו עטוואָס ערנס-טעס ווילט איהר גאָרנישט וויסען פון דעם מ'טאָר ניט.

לילי. דו ביסט צו חום מיך צו פערשטעהן און איך האָב מיט דיר נישט וואָס צו רעדען. (אָב)

ראָזא. זי איז די קלוגע! אַבי זי קען יעדען זאָגען „מ'טאָר נישט" איך מוז אָבקויפען אַלע ביכער פון דער גאַנצער וועלט און ווי עס וועט נור שטעהן דאָס וואָרט מ'טאָר ניט, וועל איך אויסמעקען. (זינגט)

פערשאָלטען וואָלט איך דעם מענש זאָפאָרט
וואָס האָט געפונען דאָס וואָרט, „אוי מ'טאָר ניט",
צו וואָס דו ווילסט זיך נאָר צוריהרען,
וועט מען דיך באַלד סיקירען, „אוי מ'טאָר ניט"
מיט אַ בוי אַרויסגעהן, מ'טאָר ניט,

אין דער פינסטער שטעהן, מ'טאר ניט
אויב מיר זאלען קוקען אויף דעם וואס מ'טאר ניט,
א שען פנים וואלטען מיר געהאט.
דער ריכטער בעפעהלט, דאס געזעץ אונז קלאגט,
ווער עס האט נור א דעה זאגט, אוי מ'טאר ניט,
אט די אלע וואס מאכען משוגע דיל,
זיי אליין מהו'ען עס אין דער שטיל, וואס מ'טאר ניט,
היפאקריטען, באנדיטען זיי מיינען ניט צום גוטען.

(רעפריין) זאג מען טאר אוןווארף אוועק דעם ניט
אזא יאהר ווי דיר וועט זיין דאן גוט,
לעב און לאך און פערגעניגען האב א סך,
ווען דיר געפעלט, ניט שרעק דיך פאר דער וועלט. (ביס).

ווילסטו מיט א יונגעל געהן אויף א שפאציר,
שרייט באלד דער טאטע אויף דיר, אוי מ'טאר ניט,
ווילסטו פערברענגען אין שטוב ביי איהם,
קוקט זיין מאמע אויף דיר קרום, אוי מ'טאר ניט,
ווילסטו שטיפען, לאכען, מ'טאר ניט,
א געלעכטער מאכען, מ'טאר ניט,
נישט געהן און נישט שטעהן, נישט עסען, נישט טרונקען.
נישט קוקען און נישט זעהן, נישט קושען און נישט וואונקען.
דער טאטע פערוועהרט,
די מאמע ערקלערט
און מיר איז נור צו הערען בעשערט, אוי מ'טאר ניט,
און מיינע אייגענע טאטע מאמע,
לאכען זיי אויס מן הסתמא פון דעם ווארט, מ'טאר ניט
און אזוי איבעראל, זאגט מען נור יענעם מאראל,
(רעפריין) זאג מען טאר (און אזוי ווייטער).

פירטע סצענע.

משה, אהרן, אננא און דעוו.

אננא. וואס איז דאס, וואו זענען די קינדער?
דעוו. אה מאמא, וואו איז פאפא?

אהרן. ער האט נאך געמוזט בלייבען דארט, עפעס וויל ער פיקסען די פרימאדאנע.

משה. אוי איז דאס א פרימאדאנע, האט זי געגעבען א זינג.

אננא. איך האב געזעהן, איהר אלטער גנב, ווי איהר האט געהאלטען אין איין ווינקען צו איהר.

אהרן. איי איז מיר געפעלען געווארען דער טענאר.

משה. און מיר איז געפעלען געווארען... גיט מיר א פרימאדאנע מיט פוטער: זאג נאר דעוו, וואו איז ערגעץ מיין אייניקעל, מיין ליליטשקע.

דעוו. אין דעם פיקטשור גאלעריע מיט ראזאן. זיי האבען זיך שטארק צו ווערטעלט.

אהרן. נאר זיי ווערטלען זיך. משה'לע, ביז לעאן וועט קומען וועלען מיר דערווייל פערברענגען מיט די קינדער.

משה. אבער ראזא — פאר מיר! זי איז מיין געליעבטע, איך וועט זיך מיר וועלען נאך געהן א טענציל ביים ביקעל אויף דער חתונה.

משה. אויף מיין חתונה א טענציל? שען קענסטו ווארטען מיט'ן טענציל. הייסט מיר דערלאנגען א טענציל מיט סמעטענע.

אננא. חא חא הא! וואס וועלט איהר ליעבער, א טענציל מיט סמעטענע — צי א שען ווייבעל פון 40 יאהר?

אהרן. איידער איינע פון 40 גיב איהם בעסער 2 צו 20, (אלטע אב).

אננא. זאג נאר דעוו, וואס ביזטו אזוי צוטראגען? אזו פערזארגט!

דעוו. זאג נאר מאמא! לילי האט היינט גערעדט צו דיר.

אננא. נישט איינמאל, אבער וואס איז דאס פאר א פראגע!

דעוו. זי האט גערעדט צו דיר! דיר געקוקט גלייך אין די אויגען? און האט דיך אפשר געקושט אויך? וועה! ווי קען מען זיין אזוי פערשטעלט? ווי קען מען זיך אזוי פערשטעלען?

אננא. איך ווייס קינד וואס דא איז! אבער מ'דארף דעם קלארען שכל נישט פערלירען.

דעוו. וואס ווילסטו דאמיט זאגען מאמעניו, וואס ווייסטו?

אננא. איך ווייס אז דו האסט לילין ליעב.

דעוו. אה ניין! נישט איך, איין אנדערער האט זי ליעב.

אננא. אבער זי לילי האט קיינעם ניט נאר דיר.

דעוו. דאס איז ניט אמת, אויך זי ליעבט אנ'אנדערן.

אננאַ. נו, וועט דיר גאָט צושיקען דיין בעשערטע, און זאָל זי גליקליך זיין מיט איהרען.

דשוו. אוי מאַמעניו, ווייסטו וואָס דו רעדסט?... איך קאָן נישט..

אננאַ. ניין, דו קענסט דיין מוטער נישט פערטרויען? האָסטו דאָך דיין בעסטען פריינד דיין פאָטער, ער וועט דיר געוויס פערשטעהן.

דשוו. אָה יאָ! ער וועט מיר געוויס פערשטעהן, ער וועט מיר שוין פערשטעהן, חאַ חאַ חאַ!

אננאַ. דשוו דו שרעקסט מיך, וואָס איז מיט דיר?

דשוו. מאַמעניו, ענטפער מיר פריי און אויפריכטיג, ליעבסטו דעם פאָטער?

אננאַ. וואָס פאַר אַ זאָנדערבאַרע פראַגע?

דשוו. דאָס טייערסטע אין דער וועלט איז ער ביי דיר? האַ?

אננא. וואָס פרעגסטו קינד, איבערהויפט די לעצטע צייט איז ער נאָך מעהר נערוועז ווי פריהר, און דער פראָפעסאָר האָט מיר געזאָגט אַז ער מוז זעהר פאָרזיכטיג זיין, אַז ניט קען ער חלילה בלינד ווערען.

דשוו. טייערע זיסע מוטער מיינע, ווי פערעהרע איך דיך, ווי פערגעטער איך דיך.

אננאַ. (ערוואַכט) וואָס זעה איך טרעהרען, מיין קינד האָט אורזאַכע צו וויינען און זיין מאַמע דאַרף ניט וויסען? קינד מיינס! וואָס איז דיר? זענען דען דיינע שמערצען אויך נישט די מיינינע? (לאָרם סצענע).

פינפטע סצענע.

פריהעריגע, לעאָן.

לעאָן. העללאָ, וואו זענען זיי אַלע?

אננא. אין דער פיקטשור גאַלערי, אָט געה איך זיי ברענגען, לעאָן! דשוו פיהלט זיך עפּעס ניט גוט, זעה וואָס איהם איז (אָב).

לעאָן. וואָס איז דיר בוי?

דשוו. גאָר נישט.

לעאָן. נו, זאָלאַנג דיר איז גאָרנישט בין איך אויך צופריעדען, און מיר האָט זיך אויסגעוויזען... איך ווייס, דו פיהלסט ניט אַם בעסטען, האָט עס מיך בעאונרוהיגט.

דשוו. ווי גוט דו ביזט, ווי ליעב דו האָסט עס מיך, און די

מאַמאַ ווען דו ביזט אַזוי בעזאָרגט וועגען אונזער וואָהל, וועגען אונזער גליק!...

לעאָן. וואָס איז מיט דיר?

דשוו. איך האָב דיר שוין געזאָגט אַז מיר איז גאָרנישט.

לעאָן. דאַן רוף זיי אַריין, וועלען מיר עסען אָבענד-ברויט, און געהן אַהיים.

דשוו. יאָ, אָבער לילי איז עפּעס ברוגז געוואָרען.

לעאָן. ברוגז געוואָרען (וויל אָב).

דשוו. דאָ בלייב.

לעאָן. ווילסט מיר עפּעס זאָגען?

דשוו. יעס, איך וויל איהר זאָלט דאָ בלייבען... דאָ בלייבען...

לעאָן. שעהם דיך, עס זענען דאָ פרעמדע מענשען.

דשוו. אַז מען שעהמט זיך נישט פאַר אייגענע דאַרף מען זיך פאַר פרעמדע געוויס ניט שעהמען.

לעאָן. דשוו, וואָס איז דאָס פאַר אַ טאָן? ווייסטו אַז דו רעדסט מיט דיין פאָטער?

דשוו. ווען איך וואָלט געקענט צווייפלען אין דער אָרענטליכקייט פון מיין מוטער, וואָלט איך געזאָגט אַז איהר זענט ניט מיין פאָטער.

לעאָן. ביזטו פון זינען?

דשוו. עס איזווירקליך אַ וואונדער אַז איך בין נאָך ביים זינען, חאַ חאַ חאַ!

זעבסטע סצענע.

משה, אהרן, אננא, לילי, היימי, ראָזא און די פריהעריגע.

אננא. אָט אַזוי, איך האָב אָבער געוואוסט אַז פּאַפּאַ וועט דיך פרעהליך מאַכען.

לילי. העללאָ, נו ווידע ווי געפעלט דיר די אָפּערע?

היימי. זענען נאָך צוויי וואוילע יודעלעך די אַלטע.

ראָזא. איינער איז דאָך מיין געליעבטער.

אננא. נו קינדער, מיר וועלען אָבעסען און געהן, עס איז שפּעט.

ראָזא. מ"ר אָפּענהיים. ערלויבט מיר אייך צו גראַטולירען מיט

אייער גרויסען ערפאלג, מעגט איהר לאנג לעבען און זיין געזונד און דערקוויקען מענשליכע הערצער מיט זיסע הימלישע מוזיק.

אלע. הורא!

לילי. אנקעל, איך ווייס ניט וואס צו זאגען... איך...

דעוו. לילי ווערט זעהר גוט טהון ווען זי וועט געהן אויף איהר פּלאץ און וועט זיך ניט שטעלען ווי א וואנד צווישען פּאפּא און מאמא.

לילי. און וואו איז מיין פּלאטץ?

היימי. דארט נעבען דעוו'ן.

לעאן. וואס איז דא? א טעאטער מיט רעזערווירטע פּלעצער? איך דענק אז יעדער קען טהון וואס ער וויל, און ווען מיר געפעלט אז לילי זאל זיצען דא — וועט זי דא זיצען.

ראזא. לילי וועט מ"ר און מיסיס אפּענהיים נישט צו שיידען, לילי וועט אליין געהן אויף איהר פּלאץ, ווייל ביי דער זייט פון דעם מאן דארף זיצען דאס ווייב, און נישט קיין פרעמדע.

משה. נו לילי, האסטו דאס בעדארפט?

לילי. פּלים זיידע, לאזט מיך צורוה, אוי איך האב נאך דעם אנקעל נישט גראטולירט (נעמט דאס גלאז) אנקעל! איך גראטוליר אייך מיט אייער סוקסעס (טרינקט).

דעוו. לילי וואס טרינקסטו? דו טרינקסט דאך קיינמאל ניט.

לילי. קיינמאל ניט, און היינט יא.

לעאן. הער אויף! עס איז נישט שען. אננא, איך קען דא ניט בלייבען, דא איז צו פיעל ליכט, עס שטעכט מיינע קראנקע אויגען, קומט, מיר געהען אהיים.

ראזא. לילי! וואס איז היינט מיט דיר?

לילי. וואס זאל זיין? מיין אנקעל האט געמאכט סוקסעס, בין איך פרעהליך, דעוו דו וועסט דאך בלייבען מיט מיר.

דעוו. נא, איך נעה מיט פּאפּא, קום דיך אנטון.

לעאן. לילי, איך בעט דיך, טרייב מיך נישט צום וואהנזין, איך קען עס מעהר ניט פערטראגען. איך בין שטארק ווען איך זעה דיך נישט, איך ווער אבער שוואך ווי א קינד אין דיין געגענווארט, איך בעט דיך בלייב נישט דא, קום אהיים.

לילי. (זינגט) ליעב מיר נור פיעל, ליעב אין דער שטיל, דער ליעבעס טראנק ער שמעקט זא זיס (טרינקט).

לעאן. לילי, אויב דו געהסט ניט אהיים וועט אנ'אומגליק גע-

שעהן! לילי! וואס וועט ווערען פון דיר און פון מיר; פערגעס ניט מיין נאמען, מיין שטעלונג, מיין פרוי מיין קינד (אלע קומען אנגעטון).

אננא. ליליטשקע! ביזט דאך שטענדיג געוועזען א גוט קינד, וואס איז היינט מיט דיר, ביזט געערגערט וועגען דעוו'ן — גלויב מיר, ער האט דיך ליעב.

לילי. יא, אלע האבען מיך ליעב שטילערהייד, וואו קיינער זעהט ניט און הערט ניט, אין דער עפענטליכקייט אבער — ציהט זיך יעדער צוריק.

לעאן. לילי, געהסט? נא? גוט נייד: (אב מיט אננא).

ראזא. דעוו! אפשר וועט זי אייך צוליעב טהון?

דעוו. לילי!... לילי!... ווייס איך וואס. גוט נייד (אב).

ראזא. וואס זאגסטו היימי?

היימי. אז אלע געהען וועלען מיר אויך געהן (אב).

אהרן. וואס זאגסטו משה'לע?

משה. לילי קום אהיים.

לילי. איך וויל נישט געהן.

משה. נא, האב אונז ביידע א גוטע נאכט (אב מיט אהרן).

לילי. אלע אוועק, מיך געלאזט אליין, אליין מיט מיין שאנדע, אליין מיט מיין שמערץ, און דאך ווי איך ליעב איהם, ווי איך ליעב איהם (זינגט).

נײן, נײן, מיין הערץ קאן קיינער נישט פערשטעהן,
נאר איך אליין (כאר) נאר איך אליין.
מיין ליעבע איז דאך הערליך, הייליג ריין (כאר) הייליג ריין,
אין הערצען מיין, (כאר) אין הערצען מיין,
מיין אידעאל איז ער,
ווייל נור איהם ליעב איך זעהר,
פערגעסען קאן איהם נישט מעהר,
ווי שען, ווי וואונדערשען,
ווען יעמאנד ליעבט און ווערט געליעבט.
דעם שמערץ ווער קאן פערשטעהן,
ווען דיר דיין הערץ א, ווערט בעטריעבט?
רוהיג מיין הערץ, זיי
די ליעבע טריי.

(באר) וואס איז דאס מיט דער פרוי,
וואס זי איז גאנץ אליין?
וואס איז דאס מיט דער פריי,
וואס איז מיט איהר געשעהן?

(לילי ווידערהאלט אין געזאנג די פריהערינגע ווערטער און דאס באר בעגלייט איהר).

זיבענטע סצענע

לעאן קומט צוריק.

לילי. אנקעל, נאך וואס זענט איהר אהער געקומען?

לעאן. איך בין אונבעמערקט פון די מייניגע פערשוואונדען. איך בין צוריק אהער אום מיט דיר צו רעדען: לילי, עס קען ווייטער אזוי נישט געהן.

לילי. וואס איז געשעהן?

לעאן. דאס גליק איז וואס ביז יעצט איז נאך גאר נישט געשעהן, מיר מוזען אנווענדען אלע קרעפטען עס זאל אין דער ווירקליכקייט גאר נישט געשעהן. לילי! פון היינט אן מוז צווישען אונז אלעס אויפהערען.

לילי. וואס אויפהערען? איך זאל אויפהערען אייך ליעב צו האבען?

לעאן. אונבעדינגט.

לילי. דאס קענט איהר אייער הערץ בעפעהלען, און מעגליך עס וועט אייך פאלגען. מיר אבער קען קיינער נישט בעפעהלען, און קיין בעפעהל וועט אייך נישט העלפען.

לעאן. דאס איז אונזין?

לילי. אונזין, ליעבע אין אונזין? ניין אנקעל! אזא ליעבע ווי מיינע איז קיין אונזין. מיין ליעבע איז גרויס, שטארק, און עהרליך, און אויך ערלויבט.

לעאן. ערלויבט?

לילי, יעס אנקעל — ערלויבט! עס קען זיין אז אייער ליעבע צו מיר איז א פערברעכען, מיין ליעבע צו אייך איז ערלויבט, ווייסט איהר פאר וואס אנקעל? ווייל איך וועל מיר קיינמאל ניט ערלויבען ביי דער פרוי דעם מאן און ביים קינד דעם פאטער אוועקצורויבען, איך ליעב אייך אנקעל, אבער איך ליעב ניט אין אייך דעם מאן ווי-

איהר אין מיר די פרוי; איך ליעב נישט דאס אירדישע אין אייך נור דאס שענע דאס הימלישע, דאס געטליכע און קיין געזעץ קען מיר פערביטען צו קוקען אין דער ליכטיגע זון און צו בעוואונדערן.

לעאן. ווייסטו אבער לילי ווי דיין צויבעריש געשטאלט האט מיך פערפיהרט און בערוישט, מענשען ווי איך וואס האלטען אין פערבליען לאפען זיך מיט ליידענשאפט און אן דער שטראהלענדער פריהלינג, איך בעט דיך לילי, מיין בוי איז יונג שעהן, און ער ליעבט דיך. פערבינד דיך מיט איהם, און בעפרייע מיך פון דעם וואהנזין.

לילי. איך קען ניט, איך ליעב איהם ניט.

לעאן. פאר וואס?

לילי. ווייל איך ליעב דעם טאטען, נישט דעם זוהן.

לעאן. ווער? ווער קען מיר פערביטען דאס צו ליעבען וואס עס ליעבט מיך אזוי שטארק? ווער קען מיר פערביטען צו טרינקען פון דעם לויטער'ן קוואל וואס ברענגט לעבען פערגעניגען און זעליגקייט? דאס לעבען איז קורץ, די צייט איז לאנג און איך וויל און דעם קורצען לעבען דאס שענסטע און דאס בעסטע געניסען. לילי מיט מיר מיט...

לילי. יעס אנקעל, נעם מיך, איך גיב דיר אוועק מיין יוגענד מיינע חלומות, מיין ליעבע, מיין לעבען! וואס בין איך שולדיג אז איך קען אזוי שטארק ליעבען און פיהלען. נעם מיך אנקעל, אבער נור ליעבען, נור ליעבען.

לעאן. אה לילי, דו האסט א צויבער מאכט איבער מיר, דו בינדסט מיך צו דיר מיט אייזערנע קייטען. איך קען מיך ניט בעפרייען, איך קען ניט, איך קען ניט.

אכטע סצענע.

דעוו, ראזא קומען.

דעוו. איהר הערט?

ראזא בערוהיגט אייך.

לילי. לעאן! מיין לעאן (דעוו שיעסט לילין).

לעאן. דעוו, וואס האסטו געטהון.

דעוו. איך האב ערמארדעט די שלאנג.

פארהאנג פאלט.

פיערטער אקט.

(צימער ביי לעאָן).

ערשטע סצענע.

משה, אהרן און אננאַ.

אננאַ. אָנקעל ס'איז געווען אַ פעהלער פון אייך, וואָס איהר האָט לילין דאָרט געלאָזט.

משה. האָב איך מיך געוואָלט שלאָגען מיט איהר?

אננאַ. איהר האָט זי נישט בעדאַרפט לאָזען אַליין.

אהרן. הלואי וואָלסטו לעאָנען נישט געלאָזט ערגיץ אַוועקגעהן, אַזוי שפעט ביינאַכט אַליין.

אננאַ. וואָס האָב איך געקענט טהון? איהם נאָכלויפען? פלוצים זאָגט ער, ער האָט עטוואָס וויכטיגעס פערגעסען און גיט אַ שפרינג אַראָב פון טראַמוואַי, וואָס האָב איך געקענט טהון, איהם נאָכלויפען?

אהרן. און וואו איז ערגיץ אונזער בויטשיק, אונזער דעווו?

אננאַ. אונזער דעוו, איז געגאַנגען אָבפיהרען אַ היים ראָזען צוזאַמען מיט הימין.

משה. נו אהרעלע קום שלאָפען.

אהרן. איך האָב נאָך צייט, וואָס ווייניגער איך שלאָף, אַלץ לענגער לעב איך, אָט באַלד וועל איך שוין שלאָפען דעם עוויגען שלאָף.

משה. און איך האָב נאָ גאָר קיין חשק ניש צו שלאָפען דעם עוויגען שלאָף, חנה'לע האָסט נישט ביי דיר אַביסעלע שלאָף. ניין. איך מיין זאָדע וואַסער.

אננאַ. יעס, איך ברענג אייך שוין אריין.

משה. ניין מ'דאַרף נישט. הערסטו חנה'לע פאַהרענדיג אויפ'ן

טראַמוואַי, האָב איך איינגעדרימעלט, האָט זיך מיר געחלומ'ט, אַז איך בין ביי מיין לילי אויף דער חתונה און איך טאַנץ מיט דיר אַ האָפקע, אוי,

אַלע. וואָס איז?

משה. עפעס האָט זיך מיר אָבגעריסען אין הארץ. אהרעלע, עפעס איז געשעהן.

צווייטע סצענע.

פריהעריגע, ראָזאַ.

אננא. וואָס איז געשעהן מיט מיין קינד? וואו איז מיין דעוו?

ראָזא. שרעקט נישט, דעוו איז אָללרייט, נור...

אננא. איך פערשטעה נישט? איז דעוו נישט געגאַנגען דיך אָבפיהרען אַ היים?

ראָזא. דאָס ער האָט נור אייך געזאָגט, אַז ער געהט מיך אַ היים פוהרען, אבער געגאַנגען איז ער צוריק, זוכען מר. אָפענהיים אין רעסטאָראַן.

אלע, נו נו?

ראָזא. מיר האָבען איהם דאָרט געטראָפען מיט לילין.

אננאַ. נו, נעם מיר נישט אַרוים די נשמה.

ראָזא. און דעוו האָט לילי געשאָסען.

אלע: אָה...

משה. מיין לילי, מיין אָרעם קינד, מיין אָרעם יתומה'לע.

ראָזאַ. שרעקט אייך נישט, איהר האַנד איז נור לייכט פערוואונדעט, אָבער זי לעבט און וועט לעבען.

אננא. איך פערשטעה נישט! מיין לעאָן איז בגנבה אַהין געגאַנגען און דעוו האָט דאָס פערשטאַנען און איז איהם נאָכגעלאָפען און... דאָרט אין רעסטאָראַן! מיין קינד האָט געוואוסט און איך אַלטער נאַר האָב עס גאָרנישט געזעהען! שוועך איך האָב פערלוירען מיין מאַן!

אהרן. בערוהיג דיך, אָט וועלען זיי קומען וועלען מיר הערען. (אָב מיט משה'ן).

אננאַ. וואו זענען זיי? פאַרוואָס קומען זיי נישט? איך פערשטעה מיין קינד האָט מען אַרעסטירט און ער וועט נאָך גע'משפט ווערען אַלס מערדער!

ראזא. ניין ניין, שרעקט אייך ניט, דעוו׳ן איז גארנישט, לילי האט איהם נישט געלאזט ארעסטירען, זי האט...

אננא. איך פערשטעה... איהר ווילט מיך טרייסטען...

דריטע סצענע.

דעוו, הײמי און לילי.

אננא. קינד מיינס, וואס איז געשעהן? דו האסט אלעס גע־וואוסט און געשוויגען? צוליעב מיר האסטו די ליידען טיעף אין דיין הערצען דערשטיקט? און וואו איז דיין פאפא?

הײמי. ער שטעהט אין דרויסען, ער שעמט זיך אריינצוגעהן.

אננא. ער שעמט זיך? אצינד שעמט ער זיך און פריהער האט ער זיך גארנישט געשעמט.

לילי. איך בעט אייך, דענקט אין דעם אנקעל! די אויפרעגונג א שלעכט ווירקען אויף זיינע קראנקע אויגען! האט רחמנות!

אננא. האט איהר געהאט רחמנות אויף מיר און אויף מיין קינד?

לילי. איך בעט אייך מימעניו, זייט א גוטע ווי איהר זענט שטענדיג געוועזען, ברענגט אריין דעם אנקעל.

אננא. איך וועל זיין א גוטע, יעס זאך וועל איהם דיר אריין ברענגען.

לילי. מיר אריינברענגען? דעוו! פארוואס האסטו אזוי שלעכט געציעלט?

ראזא. לילי, איך בעט דיך, פערצייהע איהם די אויפרעגונג, די פערצווייפלונג, דאס געפיהל צו זיין מוטער.

לילי. איך האב צו איהם גארנישט, איך בין נאר בעז, וואס ער האט נישט געטראפען. פיהרט מיך אריין איך וועל מיך איבער טהאן (דעוו, הײמי געהען צו) נישט נויטיג, איך בין אללריין.

ראזא. לילי, טוה א קוק אויף דיין דעוו׳ן, זעה ווי ער שטעהט נעבעך זאג! אז דו פערצייהעסט איהם.

לילי. דעוו, איך וועל מיך נור איבערטהון, איך וועל דיך באלד זעהן (אב מיט ראזא).

הײמי. איך געה מיר דערווייל כאפען א פעקיל סיגארעט. (אב)

פיערטע סצענע.

אננא און לעאן.

לעאן. וואס מאכט לילי?

אננא. זי איז אללריין.

לעאן. וואו איז זי?

אננא. דעוו וואו איז לילי? (דעוו וויזט, לעאן אב) דעוו, ס׳איז נישט רעכט פון דיר אזא בעהאנדלונג, פערגעס נישט, אז ער איז דיין פאטער.

דעוו. איך קען אבער נישט פערגעסען, אז דו ביסט מיין מוטער.

אננא. עס מאכט זיך צווישען מאן און פרוי, איך בין נישט די ערשטע און איך וועל אויך נישט זיין די לעצטע, צו מיר קען ער ווערען אוים מאן, צו דיר אבער, אוים פאטער קען ער קיינמאל נישט ווערען.

דעוו. אין דעם מאמענט וואס דו ווערסט צו איהם אוים פרוי, ווער איך צו איהם אוים קינד.

אננא. דו דארפסט דאס נישט זאגען מיין קינד, א מענש קען זיך איבערלעגען, בעסערן, אויך לילי קען נאך זיין דיינע א טרייע און איבערגעבענע פרוי.

דעוו. פערפאלען מאמעניו, פערפאלען אין אונזער הויז קען שוין דאס גליק נישט אריינשיינען (אננא אב)

פינפטע סצענע.

משה און אהרן.

משה. א חלום, יא א חלום, ערשט אין וויגעלע און שוין אין קבר.

אהרן. משה, זיי א מענש! וואס חלום׳סטע וואס?

דעוו. יא זיידעניו, דער אנקעל האט רעכט, דאס גאנצע לעבען איז נישט מעהר, ווי א חלום, פון וויגעל ביז אין קבר, איז נישט מעהר ווי איין שפאן. (געזאנג:)

אבגעלעבט שוין 80 יאהר
ווי שנעל סאיז אלעס פערפלויגען,
חיים ווי שנע די בלאנדע האר,
און דער ריקען אין דרייען געבויגען.

די קינדער יאָהרען נאָך נישט פערגעסען,
ס'האָט תמיד אין די אוירען געקלינגען.
ווי ביים וויגעלע איז אַ מאַמע געזעסען
און אַ לידעלע פאַר זיי געזונגען.

(רעפריין) די גאַנצע וועלט איז אַ פינסטערע שטוב
און אַלעס איז הבל הבלים,
אַ קורצער שפאַן פון וויגעל ביז צום גרוב,
דאָס לעבען איז נישט מעהר ווי אַ חלום,
און האָסטו ערוואַכט,
אין אַ פינסטערע נאַכט,
עס ציטערט אין דיר יעדעס אבר,
אָט ערשט נאָך אַ קינד
און אַך ווי געשווינד,
עס וואַרט שוין אויף דיר אַ קבר.

משה'לען אין חדר געשיקט,
בר מצוה איז געוואָרען דאָס קינד,
אַ שדכן געקומען און אַ כלה בעקוקט.
משה'לעס תנאים שרייבט מען שוין אַצינד,
אַ חתונה איז שוין בעשטעלט,
אַ שטריימעל האָט משה'לעס קאָפּ געציהרט,
דאָס שטעדטעל קוקט און קוועלט,
ווי די מאַמע האָט איהר קינד צו דער חופה געפיהרט.

(רעפריין) די גאַנצע וועלט איז אַ פינסטערע שטוב
און אַלעס איז הבל הבלים,
אַ קורצער שפאַן פון וויגעל ביז צום גרוב,
דאָס לעבען איז ניט מעהר ווי אַ חלום.
און האָסטו ערוואַכט,
אין אַ פינסטערע נאַכט,
עס ציטער אין דיר יעדעס אבר,
אָט ערשט נאָך אַ קינד
און אַך ווי געשווינד,
עס וואַרט שוין אויף דיר דאָרט אַ קבר. (אַלע אָב)

זעבסטע סצענע.

היימי.

היימי. ווען איך וואָלט זיין אַ גרויסער מאַן, וואָלט אַלעס גע-מוזט זיין, ווי איך וואָלט וועלען, נאָר גאָט טהו, אז אַקעגען גאָט קען מען קיין חכם ניט זיין. (זינגט:)

דער פיהרער פון דער וועלט איז נאָר גאָט אַליין,
אַלעס וואָס ער טהוט, מוז זיין גוט.
ער מאַכט איינעם טרויערן און דעם צווייטען זיך פרייען
און פרעגט גאָר קיין שאלות ניט,
ער מאַכט איינעם גרויס, דעם צווייטען גאָר קליין,
ער מאַכט איינעם בלינד, ער זאָל גאָרנישט זעהן,
דאָרט לעבט איינער רייך, דער צווייטער אין נויט,
ער גיט איינעם פיעל, דעם צווייטען קיין ברויט
און ווען איינער זאָל פרעגען פאַר וואָס?
דער תירוץ דערפון איז אָ דאָס:

(רעפריין) אַקעגען גאָט קען מען קיין חכם גאָר ניט זיין,
אַקעגען גאָט העלפט קיינעם גאָר קיין טענות ניט:
ווייל וואָס ער טהוט, מוז זיין גוט,
איהם קיין קשיות פרעגט מען ניט.
אַקעגען גאָט קען מען קיין חכם גאָר ניט זיין.

אַ שנעל-שיף טיטאַניק געבויט גאָר אַ פראַכט,
די שטאַרקסטע געוועזן אין דער וועלט,
אַלע בעקוועמליכקייטען האָט מען געמאַכט,
געקאָסט האָט זי זעהר פיעל געלד,
וואָס מיט איהר האָט פאַסירט, האָט איהר דאָך געהערט,
מן הסתם איז פון גאָט געווען אַזוי בעשערט.
אַ באַרג מיט אייז איז אַקעגען געקומען
און טויזענדער נפשות מיט זיך מיטגענומען.

און ווען איינער זאָל פרעגען פאַרוואָס,
דער תרץ פערפון איז אָ דאָס

(רעפרײן) אַקעגען גאָט קען מען קײן חכם גאָר ניט זײַן,
אַקעגען גאָט העלפט קײנעם גאָר קײן טענות ניט,
ווײַל וואָס ער טהוט, מוז זײַן גוט,
איהם קײן קשיות פרעגט מען ניט.
אַקעגען גאָט קען מען קײן חכם גאָר ניט זײַן.

אײנער הײַראַט אַנ׳אַלטע מויד גאָר,
און וויל נישט קײן שוויגער בײַ זיך
ער זאָגט, אַז די שוויגער איז שוין אַלט 80 יאָהר
און ער דענקט פון איהר פטור ווערען גאָר גיך,
די שוויגער, זי לעבט און ער האָט צרות פיעל,
ער שרײַט: אַז נישט דאָס איז געווען מײַן ציעל,
עס שטאַרבען פיעל פרויען, וואָס ווערען געשעצט
און די שוויגער, אַזאַ אַלטע און זי לעבט נאָך ביז יעצט.
ווען אײנער זאָל פרעגען פאַרוואָס,
דער תירוץ דערפון איז אָ דאָס. א. אַז. וו.

(רעפרײן) אַ קעגען גאָט קען מען קײן חכם גאָר ניט זײַן,
אַ קעגען גאָט העלפט קײנעם גאָר קײן טענות ניט.
ווײַל וואָס ער טהוט, מוז זײַן גוט,
איהם קײן קשיות פרעגט מען ניט,
אַקעגען גאָט קען מען קײן חכם גאָר ניט זײַן.

זיעבעטע סצענע.

ראָזא קומט.

הײמי. איך וויל נישט, איך וויל שוין גאָרנישט!
ראָזאַ. וואָס רעדסטו הײמי? וואָס ווילסטו נישט?
הײמי. אַז אַזעלכע זאַכען קענען אויף דער וועלט פאַסירען,
ווײל איך גאָרנישט מעהר.
ראָזאַ. אָבער הײמי. דו ווײסט דאָך ווי ליעב איך האָב דיך
אַז אָהן דיר קען איך נישט לעבען מעהר!
הײמי. ווען אַזוי, וויל איך שוין ווידער! (זינגען)
ער. זאָג מיר מײַן ראָזאַ, זאָג מיר דו מײַן

ליעבסטו דײַן הײמי יאָ אָדער נײן!
איך דאַרף עס וויסען,
עס זאָל ניט פערדריסען
ווײל נאַכהער קען זײַן צו שפעט.
זי. יאָ יאָ מײַן הײמי, יאָ יאָ דו מײַן
דיך ליעבט דײַן ראָזאַ, יאָ דיך אַלײן,
אַלע הײַנע שמערצען פון טיעפסטען הערצען
צו הײלען בין איך דאָך גרײט.
ער. גיב מיר דײַן האַנד
זי. נאַ.
ער. ליעבסטו מיך! זאָג.
זי. יאָ.
ער. נו שווער מיר.
זי. איך שווער דיר.
בײדע. אַז איך בלײַב דיר עוויג טרײַ...

בּיס	אײַ... אַ... אײַ... מײַן הײמעניו מײַן שאַטץ מײַן קרוין, צו שײדען וועט אונז קײנער, נײן! מיר וועלען לעבען רוהיג, שטיל און פײַן. די גאַנצע וועלט וועט אונז מקנא זײַן לעבען זאָל זיך הײמי מיט די ראָזאַ זײַנע הוראַ הוראַ הוראַ!

אכטע סצענע.

לעאָן און אַננאַ.

לעאָן. אַננאַ, דו ווײסט שוין אַלעס (זי ברײנגט דעם קאָפ).
אַננאַ. יעס, איך ווײס ווי שטאַרק זי ליעבט דיך, נו פאַר וואָס לאָזטו אַראָפ דעם קאָפ? מיר איז אין לעבען גאָר נישט איבערגעבליבען מעהר. איך וויל ניט ווי אַנדערע פרויען שרײַען, וויינען, בעטען בײַ דיר די ליעבע, נײן! איך האָב מײַן גאַנץ לעבען געזאָרגט נור פאַר דיר און פאַר דײַן גליק, פאַר דײַן וואָהל, און איך וועל מײַנע מיסיאָן ביז צו ענדע ערפיהלען. ווען דו ליעבסט זי, און דו דענקסט זי וועט דיר גליק ברענגען, געה מיט איהר. און זאָל זי דיך גליקליך מאַכען.

לעאָן. אַננאַ, נישט אַזוי הײַס, פֿריהר הער מיך אוים, און דערנאָך װעסטו מיך אורטהײַלען.

אַננאַ. זאָג מיר דאָס אײנע װאָרט, ליעבסטו זי?

לעאָן. אויב איך ליעב זי? אויב איך װעל דיר ענטפֿרען, יעס װעט עסזײַן די װאַרהײַט און אויב איך װעל דיר ענטפֿערען, נײן! װעט עס אויך נישט זײַן קײַן ליגענד. איך װעל דיר נור ערקלעהרען װאָס איך פֿיהל: איהר יוגענד האָט מיך בערױשט, איהר יונג הערץ האָט אָנגעפֿיהלט מײַן הערץ מיט פֿריידע און גליק, און צו דערזעלבער צײַט אויך מיט זאָרג און שרעק, דאָס איז די װאַרהײַט.

אננא. דו בעגנסט נאָך יוגענד נאָך שענהײַט, זי קען דײַן זעעלע מיט פֿריידע אָנפֿיהלען, אָללרײַט, נעם דיר די יוגענד, נעם דיר די שענהײַט, געהט און זײַט גליקליך (רופֿט לילי).

נײַנטע סצענע.

לילי, ראָזאַ.

לילי. דו ליעבסט איהם, ער ליעבט דיך, געה מיט איהם און מאַך איהם גליקליך.

ראָזאַ. װאָס רעדט איהר װאָס? לילי געדענק אין גאָט!

אננא. װעה איז צו דעם װײַב װאָס דאַרף בעטען ליעבע בײַ דעם מאַן, און אײדער מיר זאָלען בײדע אונגליקליך זײַן — זאָל ער בעסער זײַן גליקליך, לעאָן! איך בעפֿרײַע דיך! לילי ער איז דײַנער!

לעאָן. אַננאַ! איך קען דאָס!... נישט אויסהאַלטען. לילי, לילי! װאָס האָסטו געװאָלט פֿון מיר?

לילי. װאָס װילט איהר פֿון מיר? ראָזאַ, װאָס זאָל איך טהון? װאָס זאָל איך טהון?

ראָזאַ. װאָס דו זאָלסט טהון? (רופֿט) דעװ, דעװ!

צעהנטע סצענע.

פֿריהעריגע, דעװ.

ראָזאַ. אָט ער האָט דיך ליעב, ער איז דײַנס גלײַבען, מאַך איהם גליקליך, און דורך זײַן גליק װעלען אַלע גליקליך זײַן.

עלפֿטע סצענע.

משה אהרן הײמי.

לילי. דו האָסט מיך אַמאָל געבעטען איך זאָל דײַן פֿרוי װערען און איך האָב געצענערט. דעװ! אײן האַנד איז מיר געבליבען, די רעכטע, װילסטו זי נעמען?

דעװ. לילי! מײַן לילי! (כאַפּט איהר האַנד).

הײמי. טהוט דאָס זעלבע מיט ראָזאַן.

ראָזאַ. שאַ... שאַ... נאַ... (רײַבען זיך די הענד).

אַהרן. לעאָן! בענש די קינדער און זאָל װערען שלום אין הויז.

דעװ. פּאַפּאַ! קענסט מיר פֿערצײַען?

לעאָן. מײַן בוי... אַננאַ... גאָט! (ער פֿאַלט)

אננא. לעאָן.

לילי. אָנקעל.

דעװ. פּאַפּאַ!

אַהרן. זוהן!

אַננאַ. איך! דײַן װײַב אַננאַ איז מיט דיר, נור מיט דיר, נור מיט דיר!

לעאָן. אַננאַ מײַן פֿרוי, מײַן פֿרײַנד (אומאַרמונג).

(לילי און דעװ זינגען און אַלע װידערהאָלען).

ליעב מיך נאָר פֿיעל
ליעב אין דער שטיל.

א. ז. װ. װי אין ערשטען אקט.